# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Kheshbn No. 128- Fall 1996 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/39x7d1c5

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 128(1)

### Publication Date
1996

### Copyright Information
Copyright 1996 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 128

**האַרבסט**
**תשנ"ז**

**AUTUMN**
**1996**

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער
ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.

*רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון "חשבון"*

City of
# Los Angeles
State of California

RESOLUTION

# The Los Angeles Yiddish Culture Club

WHEREAS, IN 1926 A GROUP OF LOS ANGELES WRITERS, POETS, ACTORS, MUSICIANS, AND PLAYWRIGHTS BANDED TOGETHER TO CREATE A "CORNER" WHERE THEY AND OTHERS LIKE THEM COULD MEET REGULARLY TO SAVOR YIDDISH CULTURE AND CREATIVITY; AND

WHEREAS, THEY CALLED THEMSELVES THE "L.A. YIDDISH CULTURE CLUB" AND INITIALLY CONVENED TWICE WEEKLY AND WELCOMED THE STREAM OF VISITING ARTISTS WHO CAME TO THE WEST COAST TO SELL THEIR BOOKS, SING THEIR "KLEINE KUNST" LYRICS, EXPOUND ON TRENDS IN THE ARTS AND GENERALLY BOLSTER NEW AND UPROVEN PATHS IN YIDDISH CREATIVITY; FOR THOSE IN THE WORLD OF YIDDISH CULTURE AND CREATIVITY, THE CLUB WAS A "HOME AWAY FROM HOME"; AND

WHEREAS, WHILE THE PRE- AND POST-HOLOCAUST YEARS SERVED TO ANNIHILATE THOUSANDS OF MEN AND WOMEN WHO WERE YIDDISH ARTISTS, WHOSE METIER WAS THE YIDDISH LANGUAGE, WHOSE ADHERENTS WERE THOSE WHO LOVED "THE MOTHER TONGUE", THERE ARE MANY WHO YEARN TO TOUCH BASE WITH YIDDISH AND ARE BOLSTERED BY THE EXISTENCE AND PERSISTENCE OF THE YIDDISH CULTURE CLUB; IN THE "SVIVAH" (ATMOSPHERE) THEY ARE NURTURED AND NOURISHED IN YIDDISH, ABOUT YIDDISH AND FOR YIDDISH; AND

WHEREAS, IN THE COURSE OF ITS 70-YEAR EXISTENCE, THE L.A. YIDDISH CULTURE CLUB HAS BEEN THE QUASI-OFFICIAL HOST TO NEARLY ALL WORLD-FAMOUS YIDDISH NOVELISTS, POETS, DRAMATISTS AND LECTURERS FROM EUROPE, ISRAEL AND THE UNITED STATES FROM SHOLOM ASH TO CHAIM ZHITLOWSKY; THEY ARE BLESSED WITH A GOOD NUMBER OF LOCAL LECTURERS, POETS, READERS, SINGERS AND CHOIRS – MOST OF WHOM ARE PROFICIENT IN THE YIDDISH LANGUAGE AND CULTURE AND WHO APPEAR FREQUENTLY AT THEIR WEEKLY GATHERINGS; AND

WHEREAS, AT THESE WEEKLY GATHERINGS, SEVERAL HUNDRED MEN AND WOMEN COME TOGETHER AS IF TO A BIRTH – THE EXPLORATION OF YIDDISH POETRY, OF YIDDISH PROSE, OF YIDDISH HEARTS – AND THEY COME WITH OPEN ARMS AND OPEN MINDS:

NOW THEREFORE BE IT RESOLVED THAT THE CITY COUNCIL OF LOS ANGELES EXTENDS ITS WARMEST WISHES TO THE LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB ON ITS 70TH BIRTHDAY.

RESOLUTION BY

Mike Feuer
Councilmember 5th District

I HEREBY CERTIFY that the foregoing resolution was adopted by the Council of the City of Los Angeles at its meeting held May 31, 1996.

President of the Council

SECONDED BY

Laura Chick
Councilmember 3rd District

ATTEST:

City Clerk

אָנערקענונג־שריפט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג
צום 70־טן יובילײ פון קולטור־קלוב

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל – די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

**דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע**
**וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן**
**מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

✡

**ל.א. שטאָט־קאָמיטעט פון**
**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**
**לואי סענענסיב, פרעזידענט**

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

Los Angeles, Calif. 90048 • 8339 West Third Street

Telephone: (213) 655-2842


# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*


8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

# אינהאַלט


יהודה עלנבערג: דער שותף, דערציילונג........ 3

רבקה באַסמאַן-בן־חיים: ליד 9

שירה גאָרשמאַן: מיניאַטורן........ 10

משה וואָלף: דער שרייבער און ריכטער פון ליקוי חמה........ 12

באָריס מאָגילנער: לידער........ 23

ל. בנימין: דער רוף פון דור צו דור........ 24

צבי אייזנמאַן: ניין, גברת, ניט אַוועקגיין!........ 26

חנן קיעל: לידער........ 32

בנימין לובעלסקי: אימעק. דערציילונג........ 34

משה שקליאַר: לידער........ 43

עקיבא פישבין: דער קינסטלער מאַרסעל שעטריט........ 44

פרץ מיראַנסקי: ליד........ 48

פיניע פלאָטקין: לידער........ 49

חנן קיעל: יידיש־חסידיש און קולטור־יידישקייט........ 50

אָנגעקומען אין רעדאַקציע........ 57

לילקע מייזנער: די יום־טובדיקע טעג........ 58

* בילדער פון דער יובל־פייערונג........ 60

* רשימה פון מחברים........ 62

* נאָך באַגריסונגען צום יובילײ פון קלוב און "חשבון"........ 64 - 74

**משה שקליאַר:**
רעדאַקטאָר

**ישראל גובקין:**
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון

**נומ. 128**

**פּעריאָדישע שריפט**
**פאַר ליטעראַטור, קריטיק**
**און קולטור־פּראָבלעמען**

**פאַרוואַלטונג מיטגלידער:**
**נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.**
**צבי הירש, פאַרוואַלטער**
**זעלדע מאַלעוויטש**
**לילקע מייזנער**
**יעקב שייפער**

**51־ער יאָרגאַנג, נומער 128 • האַרבסט 1996 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.**



יהודה עלבערג / מאָנטרעאָל


## דער שותּף
### (פון חסידישן לאָר)

סענדער האָט געירשנט אַ שיינע פּאַיאַנס־קראָם פון זיין שווער און שוויגער. מע האָט געזאָגט, אַז דער סענדער האָט פּשוט נישט קיין געלענק צו דעם מסחר. פאַר דער חתונה איז ער געווען אַ געזעלן ביי אַ בלעכער און געווען נישט שלעכט אין זיין אַרבעט, פון צולייטן אַן אויער צון אַ טאָפּ ביז קריכן איבער אַ לייטער צו פאַרריכטן אַ בלעכענעם ראַך, האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן אויף אים, ער האָט געטאָן זיין אַרבעט מיט געדולד און מיט ערלעכקייט. אין דעם געוועלב איז ער געווען גוט מיטן שלעפּן די גרויסע טעפּ צו קאָכן וועש און איז אויסגעקומען מיט די פּשוטע ביליקע טעלער. אַמאָל האָט מען געניצט ליימענע אָדער בלעכענע שיסעלער, און טעלער נאָר לכבוד שבת, פּשוטע, ביליקע טעלער. איז אויפגעקומען אַ נייע מאָדע, באַלעבאָסטעס האָבן ליב געפעס מיט געמעלעכצן און קאָלירן, מיט כלערליי בלומען און מיט גאָלדענע אָדער זילבערנע ראַנדן. מע קויפט דאָס נישט אויפן שטיק, עס קומט אין קאָמפּלעטן פון אַ האַלבן טוץ, אַ טוץ, און יעדער קאָמפּלעט אַן אַנדער גרייס, אַן אַנדערע פאָרעם און קאָליר. ווער קען זיין אויסגעקאָכט אין פאַרבן ווי אַ שטובן מאָלער, ווער קען וויסן דעם אונטערשיד צווישן גראָז־גרין און ים־גרין, ער האָט דען אַמאָל געזען אַ ים? בכלל קומען זאַכן אין אַ פּאַיאַנס קראָם געפּאַרט, יעדער טאָפּ מיט זיין צודעק, יעדעס טעפּל קומט מיט אַ שטערצל, אַפילו אַ דוניצע, אַ טשאָלנט־טאָפּ קומען מיט צוגעפּאַסטע שטאָרצן כדי דאָס וואַסער זאָל נישט אויספאַרען און דאָס עסן צוברענען. אַזאַ קראָם דאַרף אַ סדר אָבער ביי סענדערן האָבן די מוסטערן און קאָלירן זיך אויסגעמישט און די שטערצלעך האָבן קיין מאָל נישט געפּאַסט צו די טעפּ. נאָך גוט אַז די סחורות האָט מען נישט באַקומען אין קיין אַנדער געוועלב, איז געווען פּרנסה. ווען אַ ייד האָט געעפנט נאָך אַ פּאַיאַנס קראָם האָט סענדערס ווייב, שרה, געוויינט און געשריגן און דווקא געוואָלט רופן יענעם צון אַ דין תורה, אָבער סענדער האָט געטענהט: "שרהלעבן, איך האָב נישט קיין מאָנאָפּאָל אויף דעם מסחר".

"כ'האָב דאָס מסחר געירשנט פון טאַטע מאַמע און זיי פון זיידע ברוך".

"דער זיידע ברוך און דיין טאַטע מאַמע, אַ ליכטיקן גן עדן זאָלן זיי האָבן, האָבן אויך נישט געהאַט קיין מאָנאָפּאָל. און לאָרן זיך וועט סייווי נישט מאַכן קיין חילוק. ערשט דעם לעצטן שבת האָט דער רב געזאָגט אין זיין דרשה אַז דער שליסל צו פּרנסה ליגט אין דעם אייבערשטנס הענט, אַז דער אייבערשטער וויל קענען צוויי יידן האָבן פּרנסה

פון פֿאַיאַנס־האַנדל און אויב, חלילה, ער וויל נישט, וועט גאָרנישט העלפֿן".

"גיי צום רב, ער זאָל זיך אַריינמישן", האָט דאָס ווייב זיך געבעטן.

"און אַז אַ גוי וועט וועלן האַנדלען מיט פֿאַיאַנס, וועל איך גיין צום גלח? אויב עס איז באַשערט אַ קאָנקורענט און אַ ייִד וועט עס נישט טאָן, וועט עס טאָן אַ גוי".

דער קאָנקורענט איז געווען אַ ניי איידעמל, געקומען פֿון דער גרויסער שטאָט און ער האָט דווקא געוווסט ווי אויסצוסדרן זיין סחורה אויף פּאָליצעס, ווי אויסצוסטראָיען אַ שיין אויסשטעלפֿענצטער. סענדער איז געשטאַנען מיט זיין ווייב אין זיין קראָם, ליידיק פֿון קונים, און געזען ווי אַלע גייען אין דעם נייעם געשעפֿט.

"מילא, מענטשן זענען נייגעריק, אָבער אַלטע קונים וועלן צוריקקומען", האָט מען זיך געטרייסט, אָבער זיי זענען נישט צוריקגעקומען. שרה איז נאָכגעלאָפֿן אַן אַלטע קונהטע און זיך געבעטן: "פֿאַר וואָס נישט ביי מיר?"

"ווייל עץ רייסט די הויט, אין דעם נייעם געוועלב איז וועלוועלער".

אַפֿילו ווען שרה האָט געוואָלט נעמען אַ גוטן פּרייז האָט סענדער נישט געלאָזט, טאָ ווי קען דאָרט זיין ביליקער? שרה האָט אַריינגעקוקט אין דעם ענין און געזען אַז יענער פֿאַרקויפֿט צווייטראַנגיקע סחורה, דאָ איז דער עמאַל צעקראַצט, דאָרט אָפּגעשפּרונגען, אַ האָר איז געבליבן שטעקן אונטער דעם עמאַל, אָדער אַ זעמדל. סענדער האָט אויך געהאַט אַזאַ סחורה, אָבער ער האָט אַליין געוויזן דעם קונה די חסרונות און גערעכנט וויניקער ווי די כלומרשטע מציאות וואָס דער קאָנקורענט גיט. שרה האָט געוואָלט פֿאַרקויפֿן ווי יענער: "דער קונה וויל אָפּגענאַרט ווערן", האָט זי געטענהט. "נישט ביי אונדז" האָט סענדער אויסגעשריגן, "אַזאַ מין האַנדלען איז אסור ווי חזיר, אונדז וועלן פֿאַרדינען אונדזער שטיקל ברויט מיט ערלעכקייט".

מיט דער צייט איז פֿון דער קראָם געוואָרן אַ קרעמל און פֿון דעם קרעמל אַ צונויפֿגעלייגטע בויד וואָס סענדער האָט אויפֿגעשטעלט אויפֿן מאַרק אין די טאָרג־טעג, און אין יאַריד־טעג אויף די מאַרקן פֿון שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך.

די אַרבעט שווער און פּרנסה, קוים וואַסער אויף קאַשע. "סענדער, טו עפּעס פֿאַר אונדזערע שוועלבעלעך", האָט דאָס ווייב זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן. שרה איז געווען אַ כשרע יידישע טאָכטער און אַ געטרייע מאַמע און סענדער האָט איר צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן וועגן דעם.

שרה האָט אַוועקגעגעבן סענדערן איר "קניפּל", אַ ביסל געלט אָפּגעשפּאָרט פֿון געזאַמלטע גראָשנס צו גראָשנס, סענדער האָט געקויפֿט אַ שטיקל וואָגן און אַ פֿערדל, אַ פֿגירה, מע זאָל קאָנען פֿאָרן אין אַלע אַרומיקע שטעט צו די טאָרג־און מאַרק־טעג. שרה האָט געוויינט, מ'עט איצט דאַרפֿן שפּייזן אויך דאָס פֿערד. "דער אייבערשטער שפּייזט אַלע באַשעפֿענישן", האָט ער איר פֿאַזיכערט, און דער שליסל צו פּרנסה איז ביי אים אין די הענט.

שרה איז געבליבן אין דער היים מיט די קינדער און סענדער האָט אָנגעלאָדנט די סחורה און די צונויפֿגעלייגטע בויד אויף זיין וועגעלע און געפֿאָרן אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. אויפֿלאָדן אַלץ אויפֿן וואָגן, האָט מען געמוזט אין מיטן נאַכט כדי מע זאָל אָנקומען צום מאַרקפּלאַץ פֿאַרטאָג און באַוויזן עס אָפּצולאָדן, אויפֿשטעלן די בויד און אויסשטעלן די סחורה איידער דער טאָג הייבט זיך אָן. די פּויערים קומען פֿרי מיט זייערע סחורות, כדי זיי זאָלן קאָנען קויפֿן נאָך איידער עס באַוויזן זיך די אָרטיקע קונים. צענומען די בויד ערשט אין אָוונט, ביז ער האָט אַלץ אָנגעלאָדנט אויפֿן וואָגן און

ביז ער איז אָנגעקומען אַ היים איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט.

ס'לייזונג איז געוואַקסן, מע האָט זיך דערקענט אויף זיין ערלעכקייט און צוריקגעקומען צו אים פון טאָרג צו טאָרג. די ריווחים זענען נישט געווען גרויס, אָבער מע האָט שוין געקאָנט עפּעס אָפּשפּאָרן, אַ גראָשן באַהעפט זיך צו אַ גראָשן און ווען עס ווערט הונדערט איז עס שוין אַ גאַנצער גילדן, אַ גילדן צו אַ גילדן באַהעפט זיך אויך און שרה האָט ווידער געהאַט אַ קניפּל. דער אייבערשטער העלפט אים און מיט וואָס צאָלט ער צוריק? ער האָט נישט קיין צייט צו גיין אין אַ שיל, חוץ שבת, האָט ער נישט ווו צו זאָגן אַ קדושה, אין די קורצע ווינטער טעג טוט ער אָן טלית און תפילין אויפן מאַרק לעבן זיין פערד און וואָגן, עס טרעפט, אַז אַ קונה נעמט אַ שטיקל סחורה ווען ער טראָגט נאָך טלית און תפילין, ער זאָגט אַ פּרייז ווען ער מעג אויסריידן און ווען נישט, ווייזט ער דעם פּרייז מיט די פינגער פון זיינע הענט. ער נעמט געלט און גיט רעשט. מילא, פאַרזאָרגן זיין ווייב און קינדער מיט פּרנסה קומט פריער ווי פאַרזאָרגן זיך מיט אַ שטיקל עולם הבא, ער וועט נעבעך קומען אויף יענער וועלט נאַקעט פון מצוות, ווי איז צו אים.

ער האָט טאַקע געהאַט צוגעזאָגט זיין שרהן אַז ער וועט עפּעס טאָן וועגן פּרנסה, אָבער איז ער נישט געגאַנגען צו ווייט?

ווען ער איז דעם אָוונט אַהיימגעקומען האָט ער געזאָגט זיין ווייב אַז ער האָט צוגענומען אַ שותף.

"וואָס מיינסטו 'אַ שותף'", האָט זי געפרעגט.

"אַ שותף מיינט אַ שותף, כ'על טיילן מיט אים אַלץ, העלפט אויף העלפט".

"און ס'עט זיין בעסער פאַר פּרנסה?"

"ס'עט זיין בעסער אַרום און אַרום".

"אַן אָרענטלעכער מענטש?"

"דער ערלעכסטער און דער בעסטער אין דער וועלט".

"כ'קען אים?"

"פרעג מיך נישט מער, וועסט זען עס וועט זיין גוט אַרום און אַרום".

שרה האָט געוווסט אַז סענדער זאָגט נישט קיין ליגן האָט זי אים געגלייבט און זיך פאַרלאָזט אויף זיין וואָרט.

ווען סענדער האָט אויפגעשטעלט זיין בויד אויף אַ טאָרג אָדער מאַרק־טאָג אין זיין שטאָט, אין אַפּטע, פלעגט שרה אַרויסגיין אים העלפן. ס'לייזעכץ איז געווען גוט, אָבער אַפילו ווען שרה איז געווען די פאַרקויפערין האָט סענדער גענומען דאָס געלט, עס צעטיילט אויף גלייך און יעדע העלפט אַריינגעלייגט אין אַ באַזונדער טעפּל. שרה האָט פאַרשטאַנען אַז סענדער היט זיך אַזוי אַרום, חלילה, נישט צו באַעוולהן דעם שותף און מאַכן זיכער אַז ער באַקומט זיין העלפט פון פאַרקויף.

אויפן מאַרק איידער עס באַווייזן זיך קונים, שמועסט מען מיט אַנדערע מאַרק־הענדלערס, יעדער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ. איינער, איז, מע זאָל באַהיט ווערן, קראַנק, ביי אַן אַנדערן איז דאָס ווייב אָדער קינד קראַנק. מע העלפט מיט אַ קרעכץ, מע ווינטשט זיך אַ רפואה, אַ שידוך פאַר אַ פאַרזעסענער טאָכטער, דער זון זאָל באַפרייט ווערן פון מיליטער, עס פעלן דען צרות ביי יידן? סענדער איז בטבע געווען אַ גוטער מענטש, האָט ער אָנגעווינטשן מיט האַרץ. מיט דער צייט איז כמעט יעדער אויפן מאַרק געקומען סענדער זאָל אים צווינטשן. ווען מע האָט אים אָנגעהויבן רופן, ר' סענדער,

האָט ער נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך. "וואָס פאַרא רעבי? איך בין אַ פּראָסטער ייד. 'רעבי' זאָגט מען צון אַ למדן, צון אַ יחסן, קיין יוחס האָב איך נישט, קיין גביר בין איך נישט און ביי די יוצרות אין מחזור קומט די עברי מיר אָן שווער".

אין אַפּט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה אַז ווען דער פאַיאַנס הענדלער, סענדער, גיט עמעצן אַ ברכה ווערט עס מקויים, עס איז אָנגעקומען אויך צום רב.

דער אַפּטער רב האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אים און אויסגעפונען, אַז דער סענדער זאָגט דעם אמת, ער קען מיט זיין עברי קוים אַדורכקריכן די ימים נוראימדיקע תפלות. יאָ, ער איז אַן ערלעכער מענטש, אָבער אַ פּשוטער, נישט קיין תלמיד חכם און אפילו נישט קיין חכם. אַ בעל צדקה? דאָס אויך נישט. ער ברענגט צום גבאי צדקה געלט וואָס עס שיקט זיין שותף, אָבער דער גבאי דערמאָנט זיך נישט ער זאָל אַמאָל האָבן געגעבן עפּעס פון זיין אייגן געלט, בעת מע קען זיך משער זיין אַז ער איז ווייט נישט קיין אָרעמאַן. לויט די סומעס וואָס זיין שותף שיקט יעדע וואָך, מוז ער אויך זיין אַ שיינער בעל פרנסה.

דער רב האָט געוואָלט וויסן צי ער דאַוונט מיט התלהבות, מיט ברען, צי ער שאָקלט זיך ווילד און מע זעט אַז ער איז מכוון הייליקע כוונות. אויך אויף דעם זענען געקומען נעגאַטיווע ענטפערס: ער איז זייער אַ פּשוטער און דאַוונט ווי עס דאַוונט אַ פּשוטער ייד. ווען זיין דאַווענען פלעגט מען אַפילו אויף אים אויסריידן און דערציילן ווען אים נישט שיינע זאַכן.

"למשל?" האָט דער רב געוואָלט וויסן.

"למשל, דאַווענען אויפן מאַרק, אָנטאָן טלית און תפילין לעבן זיין פערד און וואָגן און אָנגיין מיט פאַרקויפן אַ טעפּל צון אַ פּויער".

"עס מוז זיין אַן איינגלייבעניש, אַן איינרעדעניש אַז זיינס אַ ברכה ברענגט שטענדיק אַ ישועה", איז מען געקומען צו דער מסקנא. "עס איז מן הסתם געווען אַ צופאַל, ער האָט געווונטשן אַ רפואה שלמה ווען די רפואה איז שוין סיווי געווען אויפן וועג, דער אייבערשטער בכבודו ובעצמו איז דער רופא חולים".

איז געשען אַזוי אַז אַן אויסגעבעטענע בת יחידה ביים שניטקרעמער איז נעבעך קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגען אָנצינדונג און עס האָט געהאַלטן שלעכט. עמעץ האָט דעם טאַטן געגעבן אַן עצה, ער זאָל בעטן אַ ברכה ביי סענדערן. סענדער איז גראָד געווען אויף אַ יאָרמאַרק אין אַ שכנותדיקער שטאָט. ביי דעם קראַנקן מיידל איז די היץ געשטיגן און עס איז נישט געווען קיין צייט צו וואַרטן. דער פאָטער האָט געדונגען אַ פערד און וואָגן און געיאָגט צום יאָרמאַרק און צו סענדערן. ווען ער האָט אים געפונען צווישן די בוידן איז ער אים געפאַלן צו די פיס מיט אַ געוויין: "הייליקער ר' סענדער, האָט רחמנות, מיין איינציק קינד גייט, חלילה, אויס אין גרויסער היץ, גיט מיר אַ ברכה זי זאָל האָבן אַ רפואה".

סענדער האָט זיך דערשראָקן פון די רייד: "איך בין נישט קיין הייליקער און בין נישט קיין רעבי, איך..."

דער אומגליקלעכער טאַטע האָט זיך אַריינגעריסן אין זיינע רייד: "ר' סענדער ס'איז נישטאָ קיין צייט צו פאַרלירן, היינט איז דער קריזיס און זי האָט שוין קוים כח צו אָטעמען. גיט איר די ברכה, יעדע איבריקע מינוט איז געפערלעך".

דאָס געוויין פון דעם ייד האָט געריסן דאָס האַרץ, האָט סענדער געזאָגט: "זאָל דער

אייבערשטער איר שיקן אַ רפואה".

"כ'בעט אייך ר' סענדער, זאָגט: ער וועט, ער וועט זיכער שיקן אַ רפואה און זאָגט, כ'בעט אייך, זאָגט אַ רפואה שלמה".

סענדער איז בטבע געווען אַ גוטער מענטש האָט ער געזאָגט וואָס דער ייד האָט אים געבעטן זאָגן און צוגעגעבן: דעם אייבערשטנס הילף קאָן קומען אין איין רגע. פאַר אַהיים געזונטערהייט און די רפואה וועט אָנקומען נאָך פאַר אייך".

אַזוי איז טאַקע געשען, ווען דער ייד איז צוריקגעקומען אַהיים זענען דער טאָכטערס אויגן געווען אָפן און געשמייכלט צו אים. ווען ער איז אַינדערפרי אַרויס פון שטוב איז זי געווען צוגעדעקט מיט אַ פוכענער דעק און געציטערט פון קעלט, ער האָט איצט געזען אַז די דעק איז אַראָפּגערוקט, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר שטערן און געפילט אַז זי האָט מער נישט קיין היץ. די טאָכטער איז שנעל געקומען צו זיך און די ידיעה האָט זיך פאַרשפרייט איבער גאַנץ אַפטע אַז ר' סענדער באַווייזט וואונדערס.

די ידיעה איז אויך אָנגעקומען צום רב, אָבער אַנדערע האָבן געשטעלט פראַגעס: ווער איז דעם סענדערס שותף? קאָן עס זיין אַז ער איז איינער פון דער כת פון דעם פאַלשן משיח, יעקב פראַנק, און די אַלע וואונדערס זענען מעשי כישוף און קומען מיטן פינצטערן כח פון שטן? קאָן עס זיין אַ דער סענדער מאַכט נאָך דעם אָנשטעל פון עם הארצות ווי עס טוען שדים און שרעטעלעך כדי צו פאַרפירן כשרע יידן אויף זייערע טומאריקע וועגן?

דער רב האָט אַרויסגעפאָדערט סענדערן צו קומען אין בית דין־שטוב, אָפּגעשלאָסן זיך מיט אים אין דעם חדר און אים געזאָגט מיט אַ האַרב קול: "איך בין אויף דיר גוזר בגזירת מרא דאתרא..."

"וואָס מיינט דאָס?" האָט סענדער איבערגעריסן דעם רבס רייד.

"דאָס מיינט אַז דער רב איז דער האַר און הערשער איבער זיין קהלה און ער קען אַרויסגעבן אַ גזירה וואָס איז אַזוי גילטיק ווי די גזירה פון אַ מלך אין זיין מלוכה. אויב דו פּרובירסט מיך אָפּנאַרן וועט זיין ווי און ווינד צו דיר".

"פאַרוואָס זאָל איך, חלילה, אָפּנאַרן מיין רב, אונדזער רבי?" האָט סענדער געפרעגט און דער רב האָט געזען אין אים אויפריכטיקע תמימות. אָבער דער שוואַרצער כח פון דער סיטרא אחרא איז גרויס, בפרט אין אָפּנאַרעריי. דער רב האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און געפרעגט, ווידער מיט אַ האַרב קול: "וואָס פאַראַ כח נוצסטו צו באַווייזן מופתים?"

"איך מופתים?" האָט סענדער זיך געוואונדערט.

"מאַך פאַר מיר נישט קיין אָנשטעל, זאָג מיר ווי אַזוי דו האָסט אויסגעהיילט דעם שניטקרעמערס טאָכטער?"

"איך האָב אויסגעהיילט? דער אייבערשטער האָט זי אויסגעהיילט. דער ייד איז געקומען צו מיר מיט געוויין אַז ס'האָט געריסן ביים האַרץ, האָב איך אים געגעבן אַ ברכה און געזאָגט אַלץ וואָס ער האָט מיך געבעטן זאָגן, אָבער געהיילט האָט זי דער וואָס היילט אַלע קראַנקע, מע זאָגט עס דאָך אין דאַוונען אַז דער אייבערשטער היילט די קראַנקע".

"דו מיינטס די ברכה 'רופא חולים' ".

"יאָ, יאָ, רבי", האָט סענדער זיך געפרייט וואָס דער רב האָט אים דערמאָנט אַ שטיקל

שמונה עשרה, "רופא חולים ומתיר יסורים".

"ומתיר אסורים", האָט דער רב אים איסגעבעסערט. "דו ווייסט וואָס דאָס מיינט?"

"יסורים, ווייס איך, דאָס אַנדערע... וואָס מיינט עס?"

דער רב האָט געקוקט אויף סענדערן פאַר אַ ווײַלע און נאָך אַלץ נישט געוווסט צי דער ייד איז טאַקע אַזוי פּראָסט און פּשוט, אָדער עס איז אַ ביטערע אָפּנאַרעריי פון דער טומאה. "סענדער, מע זאָגט מיר אַז דו ברענגסט וואָך ביי וואָך אַ שיינע מטבעה פאַר צדקה וואָס עס שיקט דיין שותף. אַז דיין שותף קאָן געבן אַזוי פיל, פאַרוואָס גיסטו אַזוי ווייניק?"

"רבי, איך האָב, באַכאַשעם, אַ שטוב מיט קינדער. עסן, קליידן, רבי געלט, דירה געלט, וויפל בלייבט שוין פון מיינע פאַרדינסטן?"

"וואָס פאַראַ חלק אין די רווחים נעמסטו?"

"אַ העלפט, רבי".

"דאָס מיינט אַז דיין שותפס חלק אין דיינע געשעפטן איז גלייך צו דיינס?"

"יאָ".

"און ער גיט אַזויפיל... ער דאַרף נישט קיין פרנסה?"

"רבי, ער גיט פרנסה דער גאַנצער וועלט".

דער רב האָט זיך דערשראָקן, "איז ער טאַקע פון יענער כת?"

"וואָס מיינסטו צו זאָגן? זיי זיך מודה און אויב דו האָסט חרטה, וועלן מיר דיר העלפן".

"אַזוי זאָגט מען דאָך אין בענטשן נאָכן עסן, ער שפייזט אַלע".

"דו מיינסט 'הזן ומפרנס לכל'? דו מיינסט דעם אייבערשטן?"

"אוודאי, רבי".

"דו ווייסט וואָס דו רעדסט? דו מיינסט צו זאָגן אַז דער אייבערשטער איז דיין שותף אין די געשעפטן? זאָג קלאָר וואָס דו מיינסט".

"ס'איז פשוט רבי. איר אַליין האָט געזאָגט אין אַ דרשה ווי גרויס ס'איז די מצווה צו ברענגען ברויט פאַר ווייב און קינדער. אַז דער אייבערשטער האָט געוואָלט אַן אַנדערן פאַיאַנס הענדלער אין אַפּט און כ'בין געבליבן אָן פרנסה, האָב איך נישט געהאַט קיין טענות, כ'האָב גענומען אַרומפאָרן צו די מערק. ס'איז געוואָרן אַ פרנסה, אָבער קיין שיל אין די וואָכנטעג, קיין מנין, קיין קדושה, אַז טאָג און נאַכט אויף די יאַרידן, ווען וועל איך דינען דעם אייבערשטן. אָפּרייסן אַ שטיק פון טאָג האָב איך נישט געקאָנט, אָבער אַז איך האָב אים צוגענומען פאַר אַ פולן שותף צו מיינע געשעפטן איז דאָך אַ האַלבער טאָג זיינער. עמעץ האָט מיך געשטראָפט אַז דאַווענען לעבן פערד און וואָגן איז אַ נעווײַרע, אַז איך טו עס פאַרן אייבערשטן קאָן עס נישט זיין קיין נעווײַרע, בין איך גערעכט, רבי?"

"דו ביסט גערעכט, סענדער. און דאָס געלט וואָס דו זאָגסט אַז עס קומט פון דיין שותף, איז אַ העלפט פון אַלעם וואָס קומט אַריין פון דיין מסחר?"

"עס פעלט נישט אַ גראָשן. און וועגן די נסים ווייס איך נישט וואָס צו זאָגן".

"איך ווייס יאָ, סענדער, איך וועל דיך רופן ר' סענדער, עס שטייט געשריבן אַז אויב מע לערנט פון עמעצן נאָר איין זאַך, דאַרף מען אים רופן רבי".

"איך וועל זיך שעמען אויב דער רב וועט מיר זאָגן ר' ".

"שעמעוודיקייט איז אויך אַ גוטע מדה. און וועגן דיינע ברכות, בענטש יעדן וואָס איז

סוף אויף זייט 42

רבקה באַסמאַן־בן־חיים / הרצליה

## יידישווערטער *

ווערטער שטאַרבן ניט.
ס'האָט די אייביקייט מיט זיי
אַן אָפּמאַך -
שוואַרץ אויף ווייס.
ס'איז פאַרשריבן
און פאַרחתמעט:
ווערטער ווערן ניט פאַרשווּנדן.
זיי באַהאַלטן און פאַרהיטן
דורות לעבן
פרייד און ווּנדן.
ווערטער קענען שוועבן -
איבער צייטן
איבער ערטער
ס'קען ניט זיין
אַז ווערטער שטאַרבן.
תמיד וועט זיך ו ו ע ר געפינען
מיט אַ שורה אַ באַנייטע,
מיט אַ שפּור פון נאָך די שייטערס,
מיט אַ שפּור פאַרהיט אויף יידיש דורותדיק פאַרפּאַנצערט.
יידישווערטער,
אויך די שטילקייט זייערע
בלייבט לעבעדיק, אַ גאַנצע.
ס'האָט די אייביקייט מיט זיי אַן אָפּמאַך -
שוואַרץ אויף ווייס.

---

דער חשובער שרייבער, פאָרזיצער פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל

**מרדכי צאַנין**

איז געוואָרן אַ בן־תשעים. באַגריסן מיר אים האַרציק, צוזאַמען מיט דער יידישער קולטור־וועלט, וואָס האָט מיט ליבשאַפט און באַוווּנדערונג אָפּגעמערקט די וויכטיקע יובל־ראַטע.

מיר ווינטשן דעם יובילאַר נאָך לאַנגע שעפערישע יאָרן - עד מאה ועשרים!

פאַר דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע "חשבון".
משה שקליאַר

---

* דאָס ליד האָט די דיכטערין פאָרגעלייענט אין תל־אביב בעת דעם יום־טוב פון מרדכי צאַנינס 90־טן געבוירנטאָג.

שירע גאָרשמאַן / אַשקלון

# מיניאַטורן

## דיביימער פון מיין מדינה

בעת איך קום אין רחובות און גיי אַ ביסעלע באַרג אַרויף צו אייזענבערג גאַס, ווו עס פרייט זיך מיין גינציקער פריינד מרים רויזין, וועלכע האָט אַ גוטן חלק אין מיין אַרבעט, שטייט אַנטקעגן מיר אַ בוים. איך ווייס נישט וויפל הענט דאַרף מען כדי אַרומצונעמען זיין שטאָם. איך קאָן זיך ניט דערמאָנען צי איז דאָ געווען אַזאַ בוים מיט זעכציק יאָר צוריק. נישט נאָר דעם בוים, די ביימער פון רחובות שטעלן אויס אין מיינע געדאַנקען די ביימער פון קיבוץ "בית זרע", אויך פון מרחביה... פאַרשטייט זיך, זענען דאָ אומעטום אויך אַ סך בלומען, נאָר די ביימער זענען מערקווירדיק. אָפט פליט מיר דורך אַ געדאַנק, ווי גיך זיי זענען "אויפגעוואַקסן", נאָר גלייך כאַפּ איך זיך צום אמת, אַ איך בין דאָ געווען מיט 60 יאָר צוריק און די ביימער האָבן געהאַט גענוג צייט אויסצוּוואַקסן אָן מיר...

זיכער, איז די נאַטור אומעטום האַרמאָניש, אומעטום איז זי פּאַרגאַנצט און פאַרכאַפּבריק. נישט אומזיסט האָבן קינסלטער פון אַלע צייטן אויפמערקזאַם געקוקט אויף דער נאַטור און געשטרעבט צו זיין אַזוי עמתדיק ווי זי. נאָר מיך לאָזט נישט צורו די נאַטור פון מיין מדינה. אָט שטייט אַ בוים אין בית זרע צעטיילט אויף פיר ביימער. אַלע פיר וואַקסן אַרויס פון איין שטאָם. און יעדער איינער פון זיי איז אַ מעכטיקער בוים. ס'זענען אויך דאָ נאָרלביימער. זיי זענען הויך, גרין, און פילן זיך דאָ זייער גוט. כ'האָב ניט געוווּסט מיט 60 יאָר צוריק, אַז דאָ וועלן וואַקסן סאָסנעס, דאָ וועלן בליען עפּלביימער. פלוימען וועלן דאָ רייפן. זיסע באַרנעס וועלן דאָ אויסוואַקסען. יאָ, פּאַר דער צייט וואָס איך האָב געהערט, אַז "קאָלווירטן זענען די געוווּנטשנסטע פאָרם פאַר ערד־אַרבעט און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט", איז אין מיין מדינה אויפגעקומען אַלץ, וואָס ס'איז נישט געווען מיט צענדליקער יאָרן צוריק.

די ביימער זענען פּרעכטיק, אָבער ס'איז נאָך דאָ אַ סך זאַכן, וואָס רופן אַרויס פאַרוווּנדערונג. אַריינגיין אין חדר האוכל, נעמען אַ טאַץ, אַ טעלער, אַלץ וואָס איז אָנגעגרייט: אָפּגעקאָכטע אייער, צוואַרעך, סמעטענע, גרינס, זיך אָנגיסען מאַנע־קאַשע, אָפּעסן אָנבייסן. אַרויסגיין פון חדר האוכל, לויפן צו דער אַרבעט... ס'קאָן זיך טרעפן, אַז מ'הויבט נישט אויף די אויגן צו די ביימער. אָבער אויב אין קיבוץ זאָרגט מען די רויזן־קוסטן זאָלן זיין אַרומגעזען, ביי די וואָרצעלן באַשאָטן מיט שוואַרצע ערד, פאַרשטייט מען, אַז די מענטשן זענען דאָ נישט גלייכגילטיק צו דער נאַטור.

די סאַמע צייט צו דערמאָנען די קינדער, וואָס גייען אַרום די בעלי חיים אין זאָאָווינקל. אָט וואַשט אַ יינגעלע די כלים פאַר די פּאַפּוגייען. לעבן אים שטייט נאָך אַ יינגעלע און אויף זיין ווייזפינגער זיצט אַ העלגעלער פּאַפּוגייטשיקל. "ווי האָסטו אים אַרויפגעזעצט אויפן פינגער?" פרעג איך אים. ""ער האָט זיך אַליין אַוועקגעזעצט. זיי האָבן נישט מורא פאַר אונדז" – דערקלערט דאָס יינגל. "זיי האָבן נישט מורא". אָט איז צוגעגאַנגען אַ מיידעלע צו אַ שוואַרצן שוואַן און גלעט אים איבערן לאַנגן, בויגעווודיקן האַלדז. ס'איז אַ חיות צו קוקן, ווי די קינדער באַגייען זיך מיט די בעלי חיים.

ס'איז וווּנדערלעך אָנצוקוקן די ביימער אין מיין מדינה, נישט גרינג איז דאָס אָנגעקומען. אין אַ סך ערטער זענען דאָ סימבאָלישע בית עלמינס. דאָרטן איז קיינער

נישט באַערדיקט, ס'שטייען נאָר מצבות, ווייל ווו זענען אומגעקומען די פּאַרטיידיקער פון מיין מדינה איז אומבאַוווסט.

## פּאַרשפּעטיקט

ווער איז אים שולדיק? ניט געדאַרפט זיין אַזאַ איבערקלייבער. סע זענען געווען גענוג שיינע שפּערלעכעס. איצטער זיצן זיי אַלע אין די נעסטן און די שפּייזערס זייערע פליען כסדר הין און צוריק, ברענגען עפּעס אין די שנעבעלעך. שטעלט זיך אַ שפּייזער אויפן ברעג נעסט, האַלט זיך קוים מיט די פיסלעךביים זוים. ס'טרעפט נאָך דערצו אַ ווינט, פלאַטערט ער מיט די פליגעלעך, באַווייזט קוים אַוועקצוגעבן דער געליבטער זיינער דאָס, וואָס ער האָט איר געבראַכט.

און דער פּאַרשפּעטיקטער, ס'איז אַ ביטערער רחמנות אויף אים. ער איז עלנט. ער האָט זיך געמאַכט אַ נעסט אויפן באַלקאָן צווישן וואַנט און קעסטל פון שיך. אַהינצו שלעפּט ער שטרויעלעך, טרוקענע גרעזעלעך, אָפּגעריסענע שטיקעלעך פון אַ פּאַפּירן שקאָרמיצל. ער איז פאַרבאָרן אין אַרבעט ביז איבערן קאָפּ. פון אומעטום הערט זיך אַ צוויטשערײַ. ער צוויטשערט אויך. ס'קען הייסן - קומט צו מיר, קומט צו מיר! מיין דירה איז פּאַרטיק, אָבער קיינער רופט זיך ניט אָפּ. אַלע האָבן גענוג דאגות מיט די אייגענע נעסטן, נאָר מע קייקלט די אייעלעך זיי זאָלן זיך בעסער וואַרעמען. זיי וואַרעמען דאָס, וואָס סע דאַרף קומען. דערפאַר האָט זיין רופן קיין פּעולה ניט. איז ער טאַקע עלנט און איינזאַם.

## שטענדיק פּאָרזיכטיק, שטענדיק אָפּגעהיט

אָט גייען זיי אויף דער ערד, אָט טוען זיי זיך אַ לאָז און זיי זענען שוין אויף די ביימער. מע רופט זיי אויף יידיש בלויערלעך, נאָר סיניצעס איז טאַקע בעסער. ווי זיי קוקן, ווי זיי לאָזן ניט צו צו זיך, מישטיינס געזאָגט, וואָס קאָנען זיי איצטער באַקומען אויפן שניי. פון וואָס לעבן זיי - ניט צו פאַרשטיין. אָט האָבן זיי עפּעס געפונען, נאָר עס גייען פאַרביי מענטשן. ס'האָט נאָר אַ פאַל געטאָן דער שאָטן פון די מענטשן אויפן שניי און די פויגלען זענען שוין אין דער הויך אויפן סאַמע שפּיץ בעריאָזע, רייניקן דעם שנאָבל. פון וואָס? הין־און־הער און מע שטייט אויף די נאַקעטע צווייגן, די צווייגן זענען אויסגעדאַרט ווי ריטער. אָט איז צוגעפלויגן נאָך איינער, קאָן זיין, אַז דאָס איז איינע ניט איינער, האָט אַ פּיר געטאָן מיטן שנאָבל איבערן העלדזעלע און זי איז עפּעס מאָרנע מיטן קעפּעלע אויך צוגעגאַנגען צו אים אונטער זיין העלדזעלע און אין אַ רגע אַדום האָט זיך דאָס טרוקענע בעריאָזע־צווייגל געהוידעט, ווייל ס'איז פאָרגעקומען דאָס סאַמע סורעסריקע... ווי זשע? דער שניי שיט טאַקע, אָבער די סיניצעס האָבן זיך זייער קאַלענדאַר.

---

אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב-שטאַטן פון אַמעריקע

משה וואָלף

# באָריס מאָגילנער, דער שרייבער און דיכטער פון לקוי חמה.

## (אַ פּאַרשפּעקטיק וואָרט צו זיין 75־יאָריקן יובל)

א.

די לייענער פון דעם אַמאָליקן סאָוועטיש־יידישן ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד" און פון זיין יורש "די יידישע גאַס", שרייבערס, ליטעראַטור־פאָרשערס און קריטיקערס, קאָרעספּאָנדענטן, אַקטיוויסטן און פּשוטע באַזוכערס זענען גוט באַקאַנט מיט דעם שרייבער און דיכטער, מיט דעם הדרת־פּנים'דיקן, פריינטלעכן און גוטן מענטש באָריס מאָגילנער. ער איז געווען און פאַרבלייבט איינער פון די טעטיקסטע, מיפּולסטע און אַחריותדיקע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע. אין די געפּערלעכסטע צייטן, ווען אין לאַנד האָבן געבושעוועט אַלגעמיינע פאַרדעכטיקייט, מסירה און טראָר, פלעגט מען אים טרויען - אָן מורא, אַז ער וועט "דערטראָגן". צו אים פלעגט מען קומען ,ווי צו אַ געטרייען ברודער זיך אָפּרעדן פונעם האַרץ, ווי צו אַ בסתרדיקן אומאייגננוציקן בעל־טובה, וועלכער פלעגט אויסנוצן יעדע מעגלעכקייט צו העלפן, לכל הפּחות מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַן עצה, אָדער מיט אַן אַנטשולדיקונג־שמייכל. איז אוודאי כדאי אויך באַקענען מיט אים די ברייטערע יידישע עפנטלעכקייט.

וועגן דער פּערזענלעכקייט, וועגן דעם שרייבער און דיכטער באָריס מאָגילנער וואָלט איך באַדאַרפט אָנשרייבן אַ סך פריער. עס האָט זיך, אָבער, אַרויסגעוויזן, אַז זייענדיק לעבר הים, און ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט מער פון 4 יאָר צו זיין מיט אים אין טאָגטעגלעכער פאַרבינדונג, איז דאָס פאַר מיר געוואָרן אַ שווערע אַרבעט.

אין מיינע פריערדיקע אַרטיקלען וועגן באָריס מאָגילנערן* האָב איך ניט איין מאָל באַטאָנט דעם הויכן ניוואָ און די וויכטיקייט פון זיין שאַפן פאַר דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור. דאָס זענען אָבער געווען קורצע בייגייענדיקע אָפּשאַצונגען פון זיינע פאַרעפנטלעכטע ווערק. אין יענע רעצענזיעס זענען ניט באַרירט געוואָרן קיין שום ביאָגראַפישע מאָמענטן פון זיין לעבן, וועלכע האָבן געווירקט אויף זיין שעפערישן וועג, און אין אַ געוויסער מאָס, אויף דעם סטיל און תוכן פון זיין שאַפן. אָבער ווען עס גייט די רייד פון א פאַראַלגעמיינערטן עסיי קאָן מען זיך אָן אַזעלכע ידיעות ניט באַגיין.

די שוועריקייטן ביים שרייבן אַ דיטלעכן אַרטיקל וועגן דעם לעבן און שאַפן פון באָריס מאָגילנערן זענען פאַרבונדן מיט דעם, וואָס ביז היינט זענען ניטאָ קיין פּרטימדיקע אָנגאַבן וועגן זיין אָפּשטאַם און זיין לעבן. אין דעם זין איז ער תמיד געווען און פאַרבליבן אַ נסתר. אויף מיינע פילמאָליקע בקשות אָנצושרייבן וועגן זיך, האָב איך באַקומען פון אים ביז גאָר קורצע און פאָרמעלע ידיעות. (אין מיין ביאָגראַפיע זענען קיין מערקווירדיקע פּרטים ניטאָ"). מוז איך זיך פאַרלאָזן אויף מיין זכרון און אויף דעם, וואָס ס'האָט זיך מיר פון דעסטוועגן איינגעגעבן צו דערוויסן, און צונויפזאַמלען פאַר דער צייט.

---

*משה וואָלף. "לירישע פּראָזע", "סאָוועטיש היימלאַנד", 1982, נומ. 2, זז' 152–157.

משה וואָלף. "אומרו און גלויבן", "סאָוו. היימלאַנד, 1987, נומ. 3, זז'. 131–134.

*

באַריס מאַגילנער איז געבוירן אין 1920, אין דעם אוקראַאינישן שטעטל סלאָוועשניע, זשיטאָמירער געגנט, אין אַן אָרעמער משפחה. געקומען איז ער אויף דער וועלט, ווען זיין טאַטע איז געווען אויף דעם פראָנט, גענומען אַן אָנטייל אין דעם בירגער־קריג, געקעמפט אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס. „מיין יונגן טאַטן זע איך דאָרט , פון שלאַכט געקומען אויף אַן אָרט,/ די ביקס, וואָס ער אַ היים פון פראָנט/ דערטראָגן ערלעך האָט״/. פון זיין טאַטן האָט ער גע ירשנט דווקא ערלעכקייט. זי איז געוואָרן די הויפט מדה פון זיין פערזענלעכקייט. ער האָט אָבער זייער פרי זיך אָפּגעזאָגט פון דעם טאַטנס "שטעג צום חומש און תנך" (...) "דער טאַטע פלעגט מיך זידלען:/ "בלייב אַ נאַר, אַ גראָבער־יונג.../ און קוקן אין מיין זייט מיט צער"/. ווערט פרי אַריינגעצויגן אין דעם קאָמוניסטישן גלויבן, ווערט אַ מיטגליד פון דער יוגנטלעכער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער גייט אַוועק זיך לערנען אין אַ יידישע שול; פאַרענדיקט די קאָראָסטענער מיטל־שול, דערנאָך דעם קאַזאַנער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אין יולי 1941 (ד.ה. אין די ערשטע טעג פון דער פאָטערלענדישער מלחמה) ווערט ער גערופן אין דער אַרמיי, טרעט אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי,באַטייליקט זיך אין די בלוטיקע שלאַכטן מיט די פאַשיסטן, ווערט שווער פאַרוווּנדעט.

"אָפּגעגאָסן איך האָב זיך מיט בלוט(...) „איך אָטעם שווער, מיין ברוסט ווערט שווער צעריסן,/ איך הער ניט אויף אויף די פאַשיסטן שיסן..."/.

און נאָך דעם קריג, אַנשטאָט צו ווערן באַלוינט, "גענומען האָבן נייע שאָטנס וויגן/ דורך בלוט מיינעם, דעם דורכגעזייטן וויי"/- ווערט ער ווי אַ "שונא פון פאָלק", אָן שום זינד, אַרעסטירט און פאַראורטיילט אויף 10 יאָר קאַטאָרגע. נאָך לאַנגע מאַטערנישן ווערט ער אין 1956 באַפרייט און פולקאָם רעהאַבילירט. מען קערט אים אום אַלע פריערדיקע רעכט און אַפילו... דעם פּאַרטיי־בילעט אויך.

העכער פון 20 יאָר אַרבעט ער אָפּ אין מוראָמער און באַלאַשאָווער פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן אַלס אונטעררי כטער און דעקאַן פון אַ פאַקולטעט. פונעם 1976־טן יאָר ביז היינט צו טאָג אַרבעט ער אַלס רעדאַקטאָר און סעקרעטאַר אין די רעדאַקציעס פון די אויבן אָנגערופענע זשורנאַלן.

אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1934־טן יאָר, אין פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן ("זיי גרייט", "אָף דער וואַך", "יונגע גוואַרדיע", "פּאַרמעסט", פּאָעטישער זאַמלונג "קינדער־שאַפונג" א.א.). די לעצטע 20 יאָר דערשיינען זיינע ווערק און איבערזיכטן פון לייענער־בריוו און פון אַנדערע רעדאַקציע־מאַטעריאַלן. אייניקע ווערק זיינע זענען איבערגעזעצט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף רוסיש, אוקראַאיניש, בולגאַריש, מאָלדאַוויש, ענגליש, שפּאַניש א.א. שפּראַכן.

אין פאַרלאַג "סאָוועטסקי פּיסאַטעל" זענען דערשינען אין בוך־פאָרעם "מאַי אין קאַזאַן", 1981; אין דעם זעלבן יאָר - "די בערעזקע"; אין 1985 - מיין זכרון". אין די לעצטע נומערן פון "סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך געדרוקט די דילאָגיע "אָנערקען זיך אַלס שולדיקער" און "איך גלייב דיר, כ'האָב דיך ליב, איך וואַרט".

ב. מאָגילנער פאַרבלייבט שעפעריש טעטיק. זיינע לידער דערשיינען אין "די יידישער גאַס". אין גיכן דאַרף דערשיינען זיין (אַ גרעסערע) דערציילונג "די גרינע פּאַפּקע"

ב.

באַריס מאָגילנער איז געקומען אין דער סאָוועטיש יידישער ליטעראַטור שטיל און באַשיידן מיט קורצע נאָוועלן און לירישע לידער, וועלכע האָבן פון סאַמע אָנהויב צוגעצויגן צו זיך דעם אינטערעס פון די לייענערס און פון די באַוווסטע שרייבערס פונעם עלטערן דור (לייב קוויטקאָ און איציק פעפער). אין די יאָרן פון מלחמה און פון עבודת פרך אין די שטראָף-לאַגערן, האָט דער געפאַנגענער דיכטער ניט געהאַט די מעגלעכקייט נישט נאָר צו זינגען נאָר אויך צו אויסריידן אַ יידיש וואָרט. און דאָך הערט ער ניט אויף צו דיכטן: "אַפילו דאָרט,/ ווו די פייקע ברויט/ אויפן שפּיץ-קרוין פון דער סאָסנע/ איז געהאַנגען/ אַנדערש לעבן ניט געקאָנט/" (...) "כאָטש אפשר ניט געשריבן/ בלויז פאַרפּאַסט די שורות/ אין געדעכעניש געהאַלטן"/("ליקוי-חמה", ז.35). אויך שפּעטער, שוין זייענדיק אויף דער פריי , ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט זיך דרוקן, הערט ער ניט אויף צו אַרבעטן:

איך נעם דעם בליישטיפט אין די הענט,
און יעדן טאָג פון אָנהייב אָן -"(...)
מיין האָפנונגספּולער זיפץ איז טיף,
אויפסניי, פאַרעקשנט, ווי סיזיף,
כ'שלעפּ באַרג-אַרויף דעם שווערן שטיין,
נאָר כ'קאָן צום באַרגשפּיץ ניט דערגיין,"(...)
פאַר אָט דעם שטיין, פאַר אָט דעם חטא
ביי קיינעם איך קיין רחמים בעט,
ווייל אָט דעם עול - ווייל אָט דעם שטיין
אויף זיך גענומען כ'האָב אַליין" (דאָרטן, ז. 62)

דעם דיכטערס טאַלאַנט האָט זיך ווידער אַנטפּלעקט, ווען ער האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין מאָסקווע און האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער רעדאַקציע פון סאָוועטיש היימלאַנד.

אין 1981 דערשיינט זיין פּראָזע-זאַמלונג "מאַי אין קאַזאַן". זי באַשטייט פון אַ היפּשע צאָל נאָוועלן און פון 2 גרעסערע דערציילונגען.

באַריס מאָגילנערס ווערק - סיי די נאָוועלן, סיי די דערציילונגען - צייכענען זיך אויס מיט זייער קינסטלערישער וואָרהאַפטיקייט. אָפט שפּיגלען זיך אין זיי אָפּ פאַרשידענע אויטאָביאָגראַפישע מאָטיוון און איבערלעבונגען. די העלדן פון ב. מאָגילנערס נאָוועלן זענען נישט קיין "אָנגעזשעטע מענטשן", ניט קיין היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן. ס'רוב פון זיי זענען פּשוטע יונגע לייט - שילערס, סטודענטן, אַרבעטערס, באַוווסטזיניקע האָרעפּאַשניקעס. זייער גורל איז נישט קיין לייכטער. אַלס כלל זענען זיי צילגעווענדטע עקשנים, באַפרייטע פון נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מחיצות, אומרואיקע, אַריינגעטאָנענע אין טאָגטעגלעכן געראַנגל מיט פאַרשידענע שוועריקייטן און נסיונות. ניט געקוקט אויף אַלע שווערע איבערלעבונגען זענען זיי שטענדיק אָפּטימיסטיש געשטימט, פול מיט גלויבן, אַז זיי וועלן אויסהאַלטן אַלע אויספּרוון. פון אָט די אויספּרוון גייען זיי אַרויס פאַרהאַרטעוועטע און מאָראַליש באַרייכערטע.

באַזונדערס טיילט זיך אויס די נאָוועלע "די בערעזקע". דאָס איז אַ דראַמאַטישע געשיכטע וועגן אַ יונגן מאָלער, וועלכער פאַרלאָזט דאָס לאַנד, זיין היים און זיין געליבטע. איצט איז ער אין דער פרעמד, "...פאַרטיפט אין שווערע געדאַנקען, אין

וואַרגנדיקער בענקעניש", פּרוּווט ער אַרויסרופן אין זיין דמיון און פאַרקערפּערן אין פאַרבן דאָס לייבלעך נאָענטע, וואָס ער האָט פאַרלוירן. שטייט ער ביים ברעג פון אַ פרעמדן ים און מאָלט... "פונעם ים בלאָזט אַ ווינטל, לאַשטשעט זיך צום בחורס האַנט, און די האַנט סטאַרעט זיך. זי אַרבעט פלייסיק, נאָר שעפּן שעפּט זי פון דער פּאַליטרע ניט די קאָלירן, וועלכע לעבן אין דער אַרומיקער לאַנדשאַפט - גאָר אַנדערע, טייערע, מילדע פאַרבן פון זיין פאַרלאָזטער היים."

די דאָזיקע נאָוועלע, "די בערעזקע" דערנענטערט זיך מיט איר נוסח צו די גרעסערע דערציילונגען, אין וועלכע דער מחבר טרעט אַרויס ווי אַ דערפאַרענער קינסטלער, וואָס באַהערשט גוט די געהיימנישן פון אַ קאָמפּליצירטער שילדערונג.

די צוויי גרעסערע דערציילונגען, פאַרעפנטלעכטע אין דער זאַמלונג "מאַי אין קאַזאַן" און "פאַר שקיעה" זענען אויפן ערשטן אויגנבליק טעמאַטיש פאַרשידענע.

אין דער ערשטער דערציילט זיך וועגן אַ פרוי, קלאַרע באַריסעוונע, וועלכע שטאַמט פון אַ דור־דורותדיקער רעליגיעזער, למדנישער משפחה. די דאָזיקע פרוי האָט גובר געווען די אַלטע טראַדיציעס פון אירע אבות. מיט ענטוזיאַזם און אָן ספקות נעמט זי אויף דאָס נייע, וואָס ס'האָט געבראַכט מיט זיך די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. זי איז געוואָרן א פעלדשער און גיט אָפּ אַלע אירע כוחות פאַר די קראַנקע. זי איז אַ היינטצייטיקע מאַמע און אויך שוין א באָבע, וועלכע האָט צוזאַמען מיט די נייע צוויי דורות - מיטן זון און דעם אייניק - דורכגעמאַכט אַ מסוכן גרויסן, ניט לייכטן, אָבער אינהאַלטרייכן לעבנסוועג. איצט איז זי געפערלעך קראַנק. צו איר איז געקומען דער זון ברוך, ווייזט אויס, שוין צום לעצטן מאָל. אין אָט די טראַגישע מאָמענטן טראָגט זיך דורך פאַר אירע אויגן איר גאַנץ לעבן.

די צווייטע דערציילונג, "פאַר שקיעה" שילדערט די קאָמפּליצירטע עקזיסטענץ פון אַ סאָוועטישער, "געמישטער" משפחה (ער, דויד, איז אַ ייד און זי, דוסיע, אַ גלח'ס אַ טאָכטער), וועלכע איז איבערגעקומען אַ סך מיכשולים. פון דער בלוטיקער מלחמה, אַ פאַרוווּנדעטער, קערט זיך אום דויד אַ היים. אין גיכן ווערט ער אַרעסטירט און ווערט פאַרשיקט אין די וויט־צפונדיקע קאַנטן. און, ווען ער קומט נאָך 10 יאָר צוריק, פאַלן אויס נייע ניסיונות אויף זיין גורל. אינערלעכע און אינטימע קאָנפליקטן דראָען חרוב צו מאַכן זיין גאַנץ לעבן און די נעסט, וועלכע ער און זיין פרוי דוסיע האָבן מיט גרויס מי אויפגעבויט. אָבער זייענדיק ערלעכע מענטשן, טוען זיי אַלץ , וואָס זיי זענען בכוח אויף צו פאַרהיטן דאָס טייערע , וואָס איז געווען אין זייער ליבע. נאָר, ווען "עס קומט צום לעבן קלעקן ניט קיין יאָרן" - די "שקיעה" טוט אויף אירס: פון אַן אינפאַרקט שטאַרבט אַוועק דויד.

ווי עס איז צו זען, זענען די צוויי דערציילונגען אויסערלעך פאַרשידענע. אין תוך, אָבער זענען זיי ביידע זייער נאָענט - ביידע זענען געווידמעט דעם שיינעם ליבע־געפיל און, ניט געקוקט אויף אַלע טראַגישע מאָמענטן, קלינגען זיי אָפּטימיסטיש, - ווי "אָפּטימיסטישע טראַגעדיעס": אין "מאַי אין קאַזאַן" ווערט קלאַרע באַריסעוונע באַוויזן ווי אַ פרוי, אין וועלכער פון קינדווייז אָן ברויזט אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון ליבע. זי וואַרפט אַוועק איר היים, לאָזט זיך מיט איר געליבטן אין דער וועלט אַריין. די ליבע צו אים העלפט איר גובר זיין דעם אויפּפערזוכט און אַלע אַנדערעליידן, וואָס פאַלן אויס אויף איר גורל. זי איז פאַרליבט אין איר מאַן, אַפילו נאָך זיין טויט, שמועסט זי מיט אים , ווי מיט אַ לעבעדיקן.

אין דער דערציילונג "פאַר שקיעה" קומט פאָר אין תוך דאָס אייגענע. דויד איז פון די ייִנגסטע יאָרן פאַרליבט נאָר אין איין פרוי - אין אַ גלח'ס אַ טאָכטער. זי אָבער האָט אים ניט ליב, קיין מאָל ניט ליב געהאַט. דויד, ווי האַרב עס האָט אים ניט געבראָכן דאָס לעבן, ווי ביטרע עס האָבן אים ניט געפּרוווט פאַרשידענע יצר־הרעה'דיקע ספיקות, האָט ער זי קיין מאָל ניט פאַרראַטן. זיין עקשנותדיקע אומוועלקלעכע ליבע צו דוסיען גיט אים כוחות אויסצוהאַלטן אַלע אירע אָנפאַלן אויף אים. "פאַראַן אַ זעלכס, וואָס פאַרגייט קיין מאָל - ליבע, אָדער די דערמאָנונג פון ליבע"...אָט מיט די טיף אָנגעווייטיקטע מחשבות צעשיידט זיך נישט דויד ביזן סוף , ביז זיין אייגענער שקיעה, ווען עס טוט אים שאַרף אַ שטאָך אין ברוסט און ער "בלייבט איינער אַליין מיט די שניידנדיקע, אַלץ פאַרטויבנדיקע שמערצן".

ביידע - סיי קלאַרע באַריסאָוונע, סיי דויד - זענען פאַרליבט אין דעם לעבן.

אין די דערציילונגען טרעפן מיר זיך מיט פיל אַנדערע פּערסאָנאַזשן. יעדער פון זיי האָט זיין אינדיווידועלן פּסיכאָלאָגישן געמעל. שילדערנדיג זיי, נוצט אויס דער מחבר ניט בלויז שוואַרץ־ווייסע פאַרבן. אין דער פולער מאָס ברויכט ער פילקאָלירִיקע איבערגאַנגען פון שאָטן צו שיין און פון שיין צו שאָטן.

באַריס מאָגילנער איז אַ באַגאַבטער קינסטלער. מיט געציילטע, אָבער פּינקטלעך אונטערגעקליבענע ווערטער גיט זיך אים איין סקולפּטוריש אויסקלעפּן די פּאָרטרעטן פון זיינע העלדן: "אַנדערהאַלבן חדשים צוריק האָט ער זי געזען אויף איר געבורטסטאָג גאָר אַן אַנדערע. איצט איז איר פּנים ניט צו דערקענען: די קינבאַקן פאַרשפּיצט, דראָענדיק הענגען אַראָפּ די ברעמען. בלויז די אויגן זענען געבליבן די פריערדיקע. ברוך וויל אויסבאַהאַלטן זיין פאַרלוירנקייט מיט אַ שמייכל, גיט זיך אים עס אָבער ניט איין: פאַרפרוירן די ליפּן. אומזיסט פּלייסט ער זיך עפענען זיי - דער ווייטיק האָט זיי פעסט פאַרשלאָסן".

רעאַליסטיש, דייטלעך און באַשיינפּערלעך מאָלט אויך דער מחבר די נאַטור. די פּייזאַזשן גופא זענען פיין אויסגעפּורעמט, צאַפּלדיקע, לירישע, איינגעוויקלטע אין פאַרבן און אָנגעפּאַקטע מיט געפילן: "די זון שמוגלט זיך דורך אויף עטלעכע רגעס צווישן די צעריסענע כמאַרעס. עס ווייזט זיך אויס, אַז זי איז אַפילו אונטערגעשפּרונגען אַ דערפרייטע, צופרידענע, וואָס ס'איז איר געלונגען כאָטש וויפל ניט־איז, כאָטש אַ קאַפּעטשקע, אַ שיין טאָן. און גלייך דוכט זיך, אַז אַלץ אַרום־און־אַרום איז באַנייט, ווי פאַרביטן, אפשר אַפילו ייִנגער געוואָרן. זאָל זיין אויף אַ ווײַלע. אָבער די ווײַלע איז אומפאַרגעסלעך. דערנאָך וועט שוין די האַרבסטיקע אָנגעכמורעטקייט, אַ געצערטלטע מיט איידעלע זונען־שטראַלן, זיך אַרויסווייזן ניט אַזוי אונטערדריקנדיק"(...). "אָט אַזוי איז אויך מיט די געפילן - מיט דער ליבע , אויב זי איז דאָ, אויב זי איז געווען"

באַריס מאָגילנער פאַרמאָגט זיין אייגנאַרטיקן נוסח. דעם סיפּור־המעשה פירט ער ניט איילנדיק, שטיל אין צוויי ריכטונגען. איינע - פון דעם עבר צו היינטיקן טאָג, די צווייטע, פאַרקערט - פונעם היינט צו דער פאַרגאַנגענהייט. אַזאַ פאָרעם דערלויבט דעם שרייבער געפרעסט און בצמצומדיק אַרויספירן אַ סך געשטאַלטן פון פינף דורות און באַטראַכטן געגנוג אַלט־נייע פּראָבלעמען, וועלכע וואַרטן אויף ענטפער. אַזאַ אופן צו דערציילן און שילדערן דערלויבט דעם מחבר באַווייזן, אַז צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער היינטצייטיקייט זענען דאָ פיל בריקן, וועלכע מען טאָר ניט רואינירן.

*

דער דערפֿאָלג פֿון ב. מאַגילנערס פּראָזע וואָלט געקאָנט, דוכט זיך, אָפּוועגן אין אַ זייט זיין פּאָעזיע. אָבער דער דיכטער אין ב. מאַגילנערן האָט זיך ניט אונטערגעגבן און האָט במשך פֿון די לאַנגע "שווייג־יאָרן" ניט אויפֿגעהערט צו פֿירן אין די געהיימע טיפֿן פֿון זיין נשמה א ברויזנדיק לעבן. פֿאַרקערט! זיין פּאָעזיע ווערט מיט יעדן יאָר אַלץ באַרייטנדיקער און ערנסטער.

אין 1985 דערשיינט זיין לידער־זאַמלונג "מיין זכרון". דער שטרענגער נאָמען פֿון דעם בוך באַטייט ניט נאָר אינהאַלט. ער איז ווי אַן אָנזאָג: "איך געדענק". די לידער־זאַמלונג באַשטייט פֿון זעקס ציקלען לירישע לידער, דריי פּאָעמעס און אַ בינטל "לידער פֿון ברידער" - איבערזעצונגען פֿון רוסיש, אוקראַיניש, מאָלדאַוויש, העברעיש און אַראַביש.

דאָס רוב לידער טיילן זיך אויס מיט זייער תמימותדיקייט און נאַטירלעכער אינטאָנאַציע. פֿאַר דעם דיכטער איז כאַראַקטעריסטיש די אוממיטלבאַרע, אינטימע באַציונג צום מענטשן, צו דער נאַטור. יעדן קער און ווענד אין זיין שאַפֿונג מעסט ער אָפּ אויף דער וואָג פֿון יושר:

"... פֿאַראַן ביי מיר התחיבותן און יושר
איך בין געוועזן מיט זיי אַן עושר
איך נעם אויף זיך דעם דראָענדיקן יאָך
פֿון דעם, וואָס איז דאָ
און וואָס ס'וועט זיין דערנאָך".

דער אויפֿבלי פֿון ב. מאַגילנערס שעפֿערישער מי פֿאַלט צונויף מיט זיין לעבן אין הינטערמאָסקווע. און דאָס איז ניט קיין ווּנדער. נאָך דעם סיבירער גיהנום און נאָך די ווייט־צפֿונדיקע, מורמאַנסקער "ווייסע נעכט און שוואַרצע טעג", האָט זיך דער דיכטער אין זיין הינטער־מאָסקווע־לאַנד דערפֿילט ווי אין אַ גן־עדן. די האָניק־לופֿט און דער דאָרשט פֿאַרנאַרן אים אָפּט אין דעם אַרומיקן סאָסנע־וואַלד, ווו ער גייט צום קוואַל נאָך לעבעדיק וואַסער, און "ס'ווערט פֿריש און גרינג, און ניי די וועלט". אָבער ס'מאַכט זיך, אַז: "אין טיפֿן וואַלד/ אַ קאַלטער בליץ/ פֿליט דורך און פֿאַלט./ניט אין דער הייך/דאָ, אויף דער ערד/ פֿאַרשאָטנט ווייך...ס'קאָן זיין אַ שווערד,/פֿון יענער צייט,/ פֿון יענער שרעק,/וואָס איז שוין ווייט/ אין תהום אַוועק".

די שרעק איז אָבער ניט אַוועק אין תהום. זי האָט זיך באַהאַלטן, באַדעקט געוואָרן מיט דאגות, איבערלעבענישן, פֿאַרבונדענע מיט דעם טאָגטעגלעכן פֿאַרטומלטן לעבן. ס'איז געגנוג איין "קאַלטער בליץ" פֿון אַ פֿאַרזשאַווערט אייזן, וואָס שטאַרצט אַרויס פֿון דער ערד און דערמאָנט אין דער לעצטער פֿילקרבנותדיקער מלחמה, אין "אַ שווערד פֿון יענע צייטן", ווי פֿונעם "פֿאַרוווּנדעטן זכרון" רייסט זיך אַרויס דער אומרו.

"אומרו" - אַזוי רופֿט זיך דער ציקל לידער, אין וועלכן די מלחמה־טעמע און די טעמע פֿון דעם נאַציאָנאַלן חורבן פֿלעכטן זיך אָפּט איבער.

די דראַמאַטישע מלחמה־דערמאָנונגען לאָזן ניט צורו דעם דיכטער - דעם קעמפֿער, וועלכער האָט במשך פֿון אַלע יאָרן זיך געשלאָגן מיט דעם שונא. מיט אַ באַזונדערן ציטער און דאַנקבאַרקייט רעדט ער וועגן זיינע ברידער־מיטשלאַכטלער, וועלכע האָבן, ריזיקירנדיק מיט זייער אייגענעם לעבן, ניט איין מאָל אים באַשיצט, געראַטעוועט פֿון טויט.

אין דער ליד "בלייבט שטיין אויף אַ רגע" ווענדט זיך דער דיכטער צו די לעבן־געבליבענע, צו די ניי־געבוירענע דורות, צו די אַלע, וואָס האָבן פון קיין מלחמה ניט געוווּסט, און פאָדערט פון זיי, פון אונדז אַלעמען - געדענקען און ניט פאַרגעסן די, וועלכע זענען אומגעקומען.

אין ב. מאָגילנערס "זיכרון־דיכטונג" פאַרנעמט אַ באַדייטנדיק אָרט די חורבן־טעמע - דער גרויסער יידישער פאָלקס־אומגליק. אין די טראַגישע לידער, אין וועלכע ס'קלינגען מאָטיוון פון חורבן, מאָלט דער דיכטער די גרויליקע בילדער פון אומקום און פון פּיין. אין די געטאָ־לידער דערציילט דער דיכטער ניט נאָר וועגן קדושה, נאָר אויך וועגן גבורה, מוט און ווידערשטאַנד, וועלכן עס האָבן אַרויסגעוויזן די פאַראורטיילטע אסירים אין די טויט־לאַגערן. מיט שוידער, צער און צאָרן זענען אָנגעפּילט די פערזן, אין וועלכע ב. מאָגילנער מאָלט דעם אומקום פון זיינע אייגענע - זיי שטייען ביי דעם ראַנד פונעם יאַר און זאָגן וידוי. לעבן זיי - אַן עופהלע אין וויגל. די מערדער האָבן ניט געשוינט דאָס קינד און אַכזריותדיק עס צעשאָסן:

"דאָס עופהלע צאַנקט,
אין אייביקייט פליט
און די הענטעלעך פאָכען, ווי פליגל."

הענטעלעך פון אַ צעשאָסן זויג־קינד, וואָס פאָכען אין דער לופט, ווי פליגל - וואָס פאַר אַ שוידערלעכע, נאָר אין זעקס ווערטער, אויסגעמאָלטע דעטאַל!

אין ב. מאָגילנערס דיכטונג פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט ליבע־לידער. די מערסטע פון זיי זענען פּרעכטיקע לירישע מיניאַטורן. דער לירישער העלד פון די דאָזיקע ליבע־געזאַנגען איז פון דער יוגנט פאַרליבט אין זיין איין־און־איינציקער, און נאָר אין איר. זיין ליבע איז פון אָנהייב אַן פול מיט "לייד און פרייד" יאָרנלאַנג אַן איינזייטיקע. ער פירט מיט זיין געליבטער אַן אומאויפהעלעכן דיאַלאָג. דערפאַר פילן מיר, אַז ווו דער דיכטער זאָל ניט זיין, איז די געליבטע פרוי שטענדיק מיט אים. איר געשטאַלט דינט אים ווי אַ קמיע, וועלכע העלפט אויסשטיין אין "פייער, אומוועטערס און פיינען".

אַ באַזונדערן אינטערעס רופט אַרויס ב. מאָגילנערס ציקל לידער "שענקט מיר אַ מעטאַפאָרע". דאָס זענען "לידער וועגן לידער". דער דיכטער פירט אונדז אַריין אין זיין שעפערישער לאַבאָראַטאָריע און אַנטדעקט פאַר אונדז די שוועריקייטן, וועלכע ער דאַרף בייקומען, כדי דאָס וואָרט "זאָל אָנהייבן זינגען"

אין דער ליד "מיין פריינט דעם סקולפּטאָר" פּאָלעמיזירט דער דיכטער מיט זיין חבר, דעם סקולפּטאָר, וועלכער מיינט, אַז לידער קומען אָן גרינג:

"וויפל ווילסט, מעגסט שטרייטן
אַלציינע זענען פאָרט
דער ווידערשטאַנד פון שטיינער.
דער ווידערשטאַנד פון וואָרט".

די ליד ווערט געשלאָסן מיט אַזאַ סטראָפע:

"זיי האָבן קיין רחמנות ניט,
דעם קאָפּ אין זיי פלעט,
די שטיינער - אויפן סקולפּטאָר,
דאָס וואָרט - אויפן פּאָעט"

ב. מאָגילנערס "לידער וועגן לידער" וועקן ביי דעם לייענער ליבע צום דיכטערישן וואָרט און גוטע געפילן צום קינסטלערישן באַרוף.

ג.

אין דעם פּראָזע־בוך "מאַי אין קאַזאַן" (1981), אין דער אויטאָביאָגראַפֿישער דערציילונג "פּאַר שקיעה" האָט באָריס מאָגילנער נאָר איין מאָל, דרך אגב, אָנגעוויזן, אַז ווירדן (זיין פּראָטאָטיפּ) איז נאָך דער מלחמה אויסגעקומען "צו ליידן פֿון אומרעכט". די לייענער האָבן זיך געקאָנט נאָר אָנשטויסן, וואָס פֿאַר אַן אומרעכט האָט דאָס געקאָנט זיין. מען האָט געקאָנט זיך אויך פֿאָרשטעלן, פֿאַרוואָס דער שרייבער (דערצו נאָך איינער פֿון די פֿאַראַנטוואָרטלעכע רעדאַקטאָרן פֿון "סאָוועטיש היימלאַנד") האָט נישט געהאַלטן פֿאַר נייטיק אויספֿירלעך דערציילן וועגן דער דאָזיקער געשעעניש - "מסתמא איז נאָך ניט געקומען די צייט" האָט מען געטראַכט. אָבער אין 5 יאָר שפּעטער, ווען אין דער סאָוועטישער פּרעסע האָבן זיך שוין געדרוקט פֿיל לידער, פּאָעמעס ,אַרטיקלען, גרעסערע דערציילונגען און ראָמאַנען, וועלכע האָבן געשילדערט די גרויזאַמע סטאַליניסטישע פֿאַרברעכנס קעגן "דער סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט" - האָבן די לייענערס געהאַט רעכט צו דערוואַרטן, אַז אין דעם נייעם בוך "מיין זיכרון" (1985) וועט דער דיכטער, דער ליריקער, זיך שוין ניט קאָנען מער איינהאַלטן, און וועט אַנטדעקן זיינע זכרונות פֿון דער דאָזיקער צייט. אָבער אומזיסט האָבן די לייענער זאָרגפֿול געזוכט זיכרונות־לידער וועגן דעם אומשולדיק אַרעסטירטן פּאָעט, וועגן זיינע פּורעניותן און אָפּקומענישן אין די שטראָפֿלאַגערן, אין וועלכע ער האָט אָפּגעשוואַרצט אַזויפֿיל יאָרן. אויך אין דעם דאָזיקן זכרון־בוך האָט דער דיכטער (און אפשר גאָר דער רעדאַקטאָר, אהרן ווערגעליס?) זיך אָפּגעזאָגט פֿאַרעפֿנטלעכן אַזעלכע לידער. נאָר אין 8 יאָר אַרום, אין 1992, אין דער אויבן דערמאָנטער דילאָגיע און, באַזונדערס, אין זיין לעצטער לידער־זאַמלונג "ליקוי חמה", 1993, עפֿנט אויף דער דיכטער א "פֿענצטערל", דורך וועלכן מיר דערזעען "די אָפּגעפֿלאַקערטע שׂרפֿות" און דערשמעקן "די ווינטן, וועלכע /בלאָזן פֿון דאָרט,/פֿון די בלוטיקע יאָרן..."/(...) "די וווּנדן פֿון מיין זיכרון"(ז.5)

*

די לעצטע זאַמלונג "לקוי־חמה" איז ניט נאָר אַ העכערע שטופֿע אין ב. מאָגילנערס דיכטונג. דאָס איז אַ סיום, אַ מין סך־הכל פֿון אַ דורכגעמאַכטן שעפֿערישן וועג, און איינצייטיק אַ נייער בראשית - אַן אָנהייב פֿון אַ נייעם פּתחון־פּה־פּעריאָד אין זיין שאַפֿן - אַ פּרוּוו עפֿענען פֿאַר דעם לייענער דאָס פֿאַרזיגלטע האַרץ - געבן אַן ערלעכן ענטפֿער, פֿאַרוואָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט דאָס שווייגן וועגן זיינע פּיינפֿולע איבערלעבונגען בימים ההם.

און אָט איז זיין דיכטערישער בצמצמדיקער ענטפֿער:

"איר האָט געזען, ווי ס'פֿלאַקערט שטיל
צומאָל אַ שטוב אין פֿלאַם און פֿייער?
איר ווייסט, ווי ס'קאָסט די שטומקייט טייער -
דער אויסבאַהאַלטענער געפֿיל?
כ'פֿאַרפֿרעס די ליפּן
סייוויסיי,
און ניט דערפֿאַר, ווייל ס'ווילט זיך לייגן,
כ'וועל וועגן ווייטיק מיינעם שווייגן."
("דער געהיימער געפֿיל", ז.50)

פֿון די ציטירטע פֿערזן דרינגט אַרויס, אַז אַפֿילו איצט ענטפֿערט דער דיכטער ניט

מיטן אַן אָפן מויל - ער "פאַרפרעסט די ליפּן סיוויסיי", ווייל כאָטש עס זענען פאַרלאָפן אַזויפיל יאָרן, איז דער ווייטיק פון דעם איבערגעלעבטן נאָך זייער גרויס.

דער ריכטער ווייסט, אָבער, אַז ער טאָר שוין מער "אָפענע ווערטער ניט שפּאָרן - און ס'דאַרף קיין מורא דיך ניט שטרויכלען/ דעם אמת וויסן מוז מיין דור"(...) "מען טאָר זיך מער ניט לאָזן נאַרן:/ אויב שוואַרץ איז שוואַרץ / און ווייס איז ווייס/ כאָטש די נשמה זיך צערייס". אָט טאַקע דערפאַר, בעל כרחו, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם רייסט זיך אַרויס פון זיין פיינלעכן זיכרון: "ווי אַ האַרמאַטן־קנאַל/ דער אורטייל פונעם טריבונאַל./ קיין שום פאַרברעכן ניט פאַראַן/ און דאָך - אויף יאָרנלאַנג די שאַנד". אין פאַרשידענע אומשטאַנדן טויכן אויף פון די טיפענישן דורכגעלעבטע אכזריותדיקע עפּיזאָדן פון זיין גאָלגאָטע־וועג. ס'מאַכט זיך, אַז דער ריכטער קומט צום ים, קוקט "אויף כוואַליעס גאָלדענע שטעגן", און טאַקע דאָרט דערזעט ער:

"אין גיהנום כ'בין געווען אין טריבן,
גלייך ווי אין וואַסער כ'בין אַריין -
אויף אייביק אין גולאַג פאַרבליבן(...)
"די וועלט פון מיר עס האָט פאַרהאַקט
דער לאַגער, זיינע טיפע תהומען,
צו וועמען אויסשטרעקן די האַנט
און ברודערשאַפט ביי וועמען מאָנען?
עס שווייגן אַלע טעלעפאָנען." (ז. 33)

אָבער אין די שוואַרצסטע לאַגער־טעג, ווען פון שווערער אַרבעט אין דעם אוראַלטן טאַגילער טיפן וואַלד, פלעגט ער "אָפּגיין מיט טייכן שווייס" און אים פלעגט זיך חלומען "אַ ברעקל ברויט, וואָס איז באַנעצט מיט טראָפּנס מילך", אין יענע אוממענטשלעכסטע אומשטענדן, האָט דער פּאָעט קיין מאָל ניט פאַרלוירן דאָס מענטשלעכע אין זיך, זיין נשמה יתירה. די ריכטערישע שכינה פלעגט אים העלפן אַנטלויפן פון זיין שוידערלעכער איינזאַמקייט און ברענגען צו פירן אין סאָסנע וועלדל, לעם ראַנד פון דער טייגע, ווו די שלאַנקע ביימער " טוען אויס די גרינע העמדער,/אין גינגאָלד טוקן זיך, אין דער מקוה פרעמדער".

"ביי דער פאַרבאָטן־זאָנע אינעם סטראָי,
אַרומגערינגלטן מיטן קאָנוואָי
איך קוק פאַרגאַפט,כמעט פאַרשטאַרט,
אויף אַזאַ מין נס כ'האָב נישט געוואַרט:
די שטאַלטנע סאָסנעס פלאַקערן אין פלאַם
פון אָט דער קרוין און ביזן נידער־שטאַם.
באַגייסטערט כ'בין און אויפגעמונטערט אומגעריכט,
ס'קאָן זיין, אַז אַ בת־מלכה בענטשט דאָ ליכט". (ז.88)

ס'קאָן זיין!...ס'קאָן זיין!..., עס קאָן טאַקע זיין, אַז אָט די "בת־מלכה האָט געהאָלפן דעם ריכטער אויסשטיין, אויסהאַלטן אַלע פייניקונגען, אַלע אומרעכטן און דערנידערונגען.

ב. מאָגילנער איז אַרויס פון דעם גיהנום, אַ פאַרהאַרטעוועטער, ניט קיין פאַרביטערטער, פאַרקערט - אַ געלייטערטער חכם! ניט קיין קטיגור, ניט קיין ריכטער, נאָר ווי אַ נאָך מער איבערגעצייגטער מאמין. דאָ איז כדאי צו באַטאָנען, אַז, שילדערנדינג דעם שוידערלעכן טעראָר און אומבאַגרענעצטן ווילקיר פון דער דאָזיקער

שרעקלעכער צייט, דערמאָנט ניט דער דיכטער קיין פּערזענלעכקייטן און באַשולדיקט ניט קיינעם, ווייל לויט זיין גלויבן, לויט זיינע פילאָסאָפישע איבערצייגונגען איז אַלץ קעגנזייטיק פאַראורזאַכט און פאַרבונדן: " - שולדיק איז דער וואָלף, וואָס האָט די ציגעלעך פאַרציקט, נאָר ניט ווייניקער זענען שולדיק די שעפעלעך, וועלכע זענען אַוועק אין וואַלד אַריין און האָבן דאָרט דעם וואָלף פאַר אַ פאַסטעך אויסגעקליבן".

פאַר ב. מאַגילנערן איז אַלץ דאָס בייזע, וואָס קומט פאָר אין די לעצטע יאָרן אין זיין לאַנד - דער אויפברויז פון ווילדן נאַציאָנאַליזם און יידן-האָס, די אָרגאַניזירטע פאַרברעכערישקייט, דער אימפּעטיקער "פאַרבן-איבערבייט" - פון רויט אויף ברוין און שוואַרץ - דאָס אַלץ רופט אַרויס ביי ב. מאַגילנערן ווידערווילן און דערמאָנונג פון אַ נייעם "פּלאָג - אַ נייע לקוי-חמה". באַריס מאַגילנערס אייגענע ביטערע דערפאַרונג און די נאַציאָנאַלע טראַגעדיע פון דעם יידישן לעבן, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט אין דעם אַמאָליקן ראַטנפאַרבאַנד ( און אויך אין דעם היינטיקן רוסלאַנד) האָבן אַריינגעטראָגן נייע וועזנטלעכע מאָטיוון אין זיין שאַפן. דער דיכטער איז פאַרבליבן דער זעלבער ליריקער, אָבער זיין ליריק האָט אין די לעצטע יאָרן באַקומען אַ מער אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַלע באַפאַרבונג.

די נאַציאָנאַלע טעמע אין ב. מאַגילנערס דיכטונג גיט צו זיין שאַפן אַ קאָנקרעט-היסטאָרישן כאַראַקטער. זי געפינט אַן אויסדרוק אין אַ גרויסער צאָל פון זיינע לידער. ( "יידישע ניגונים", "אַליאַרם", "תחיית המתים", "יידיש", "דער מאַמעס געשאַנק", "צער", "מיין שולד", "רויטער שניי", א.א.). אָבער צומבולטסטן איז זי פאַרגעשטעלט אין זיינע 2 גרויסע פּאָעמעס - "אין אַ מזל'דיקער שעה "(זז' 96 - 125) און "דער שיידוועג".(זז' 126 -142).

אין דער ערשטער, - קומט דער דיכטער צו גאַסט אין "שטערן-שטעטל", צו די קאָסמאָנאַווטן און באַטייליקט זיך אין אַ קאָסמאָס-פלוג. מיט דער הילף פון "אַ שטראַל אַרום אַ מאַגישן קריסטאַל" גיט זיך אים איין צו זען אַלץ, וואָס איז געשען צענדליקער יאָרן צוריק. "און אַלץ אין פאַרבן, אַלץ אין קלאַנגען,/ אין שיין אין שאָטן אַלץ - געפּאָרט,/ און די פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען / גלייך אויף מיין דלאָניע קומט עס פאָר"/... און אָט דערהערט ער טייוולאָנישע קולות: "עס קרעכצט און וויינט דער מינסקער ראָג,/ ווו ס'האָבן זיך פאַרהילט גזלנים, וועלכע הרגענען דעם קיניג ליר. "עס איז מיכאָעלס נישט דער לעצטער". נאָך אים באַווייזן זיך דעם דיכטערס צעשאָסענע געניאַלע לערערס : קוויטקאָ, פעפער, מאַרקיש, האָפשטיין און בערגעלסאָן און אויך... זייער הויפּט-מערדער "מיט פּאָקן-לעכלעך אויף זיין האַנט", וועלכער האָט געהייסן "די יידלעך נימעסע צעשיסן". און - צום סוף, אין מאָסקווע :

"לעם פּושקינס דענקמאָל - אַ המון,
וואָס פון דער הייך זעט אויסעט ברוין,
נאָר אין דער אמת'ן איז שוואַרץ -
און גלייך כ'דערפיל אַ שטאָך אין האַרץ,
ווייזט אויס דערפאַר, וואָס כ'בין שוין מיד,
צי אפשר גאָר, ווייל כ'בין אַ ייד
און כ'קאָן ניט ליידן, ווען אַ שטן,
צו אַן עסעסאָוועץ געראָטן,
אַרויפגעקלעטערט אויף אַ סטענדער,

מײַן פֿאָלק מיט פּרעכע ווערטער שענדעט,
מיט שלײַמיקער באַוואָרפֿט עס בלאָטע"(...)
אָט דעם בעל־דרשן כ'האָב דערקענט -
דעם שטילן טשלען־קאָרעספּאָנדענט,
וואָס וואָלט מײַן גאַנצן שטאָם פֿאַרברענט,
ווען דאָס וואָלט זײַן אין אים געווענדט..."

מיט דער דאָזיקער טראַגעדיע איז אָרגאַניש צונויפֿגעבונדן אַ צווייטע געשעעניש - די מאַסן־עמיגראַציע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג קיין אַמעריקע און אַנדערע לענדער, ווי אויך די עליה קיין ארץ ישׂראל. די דאָזיקע דראַמאַטישע סיטואַציע איז הויך קינסטלעריש פֿאַרקערפּערט אין ב. מאַגילנערס צווייטער גרויסער פּאָעמע "דער שיידוועג". מיט גרויס מייסטערשאַפֿט מאָלט דער דיכטער די טראַגעדיע פֿון עלטערן, פֿון מלחמה אינוואַלידן, פֿון מענטשן, וועלכע האָבן מקריב געווען זייער לעבן פֿאַר דעם לאַנד, פֿאַלוירן זייער געזונט, וועלכע מוזן צוליב דער פֿלאַקערדיקער יידן־שׂנאה פֿאַרלאָזן זייערע מיט שווייס און בלוט אויסגעבויטע נעסטן, און אין זייער טיפֿער עלטער נאָכגיין נאָך זייערע קינדער זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין.

אין בוך, אַחוץ די אויבן ציטירטע, זענען אַריין ב. מאַגילנערס קורצע לידער, מיניאַטורן - איידעלע און באַחנטע זקנה־ליבע־לידער, אַנגאַזשירטע מיט לעבנס־דערפֿאַרונג פֿילאָסאָפֿישע ליריק, פּייזאַזש־ליריק, און פּאָליטישע לידער - אַלע, דורכגעלאָזטע דורך דער פּריזמע פֿון דעם דיכטערס איבערלעבונגען און געפֿילן.

באַזונדערס דאַרפֿן אָפּגעמערקט ווערן ב. מאַגילנערס קינדער לידער, געווידמעטע זײַן אייניקל. זיי טיילן זיך אויס מיט זייער ריטמיק און נגינה. זיי בעטן זיך ממש אין די כריסטאָמאַטיעס אַריין און אויף צו ווערן איבערגעלייגט אויף מוזיק.

*

רעזומירנדיק, מוזן מיר אונטערשטרייכן, אַז די אויבן געבראַכטע שורות פּרעטענדירן ניט אויף אַן אויסשעפּלעכער אויספֿאָרשונג וועגן מאַגילנערס לעבנס־וועג און פֿון זײַן שאַפֿן. אונדזער אויפֿגאַב איז געווען פֿאַרשטעלן און דערציילן וועגן איינעם פֿון די באַגאַבטסטע יידישע דיכטערס אין רוסלאַנד, וועלכער האָט דורכגעמאַכט אַ ביז גאָר בלוטיקן וועג, לעבט און שאַפֿט אויך היינט אין שווערע באַדינגונגען, און האָט באַלויכטן מיט זײַן דיכטונג די לאַנגדויערנדיקע ליקוי־חמה אין זײַן ווײַנלאַנד. ביז היינט פֿילט ער זיך אין זײַן אחריותדיקער שליחות, וועגן וועלכער ער זאָגט:

ביסט אַ פּאָעט
דײַן מזל איז
און אויך דײַן פּײַן -
אין פֿינצטערניש צו טראָגן דײַן שײַן" (ז. 111).

אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקט, און דאָך ווינטשן מיר אים אריכת ימים, גליק, שעפֿערישן דערפֿאָלג. און זאָל שוין ליכטיק ווערן אין זײַן היים, אין זײַן אַרום און אויף דער יידישער גאַס.

באָריס מאַגילנער / מאָסקווע

## אייביק זיין

די זון פון אויבן קוקט אויף מיר פֿאַרחלומט,
זי וויל ניט אָנערקענען בשום אופן,
אַז דאָ באַם ים איך שטיי אויף ס'ניי בשלום,
אַז ניט געוואָרן כ'בין פון אַש קיין הויפן.

כאָטש ס'האָבן מיך געמימתט אירע שטראַלן,
און ס'האָבן מיך באַגאָסן מבלען שנאה,
און ניט איין מאָל האַלב טויט אין וועג כ'פלעג פאַלן, -
און ניט איין מאָל מיט בלוט כ'האָב זיך פֿאַרכלינעט.

אפשר טאַקע איז דער ים אומשטערבלעך,
די ערד וועט אייביק זיין און אויך דער הימל.
פֿאַר מיר אָבער די צייט שוין זוכט צוויי שערבלעך
אויף צודעקן די אויגן אָן געווימל.

## דער יאָך

קליגער וואָלט געווען מן־הסתם אַצינד
זיך אָפּזאָגן באַשיידן פון ירושה,
פון די יסורים אירע און פון בושה,
פון אירע וויטיקן, פון אירע זינד,
פון אירע ניט געצאָלטע חובות...
נאָר וועמען וועט עס זיין לטובֿת?

פֿאַראַן ביי מיר התחייבותן און יושר -
תמיד כ'בין געווען מיט זיי אָן אושר...

איך נעם אויף זיך דעם דראָענדיקן יאָך
פון דעם, וואָס עס איז דאָ,
און וואָס ס'וועט זיין דערנאָך.

## עד היום

דער וועג האָט מיט דערנער
די פיס מיר געבלוטיקט,
געשטאָכן מיט הערנער,
געמיממתט מיך מוטיק.

נאָר איך בין געגאַנגען -
געפּעניטעט, געפֿאַנגען:

געהיט די פֿאַרלאַנגען,
געטרייסט די געזאַנגען.

עד־היום דעם טרוים מיינעם
כ'קאָן ניט דערלאַנגען -
מיראַזשן געדיכטע
אים האָבן פֿאַרהאַנגען.

ל. בנימין

# דער רוף פון דור צו דור

„איר זאָלט עס דערציילן! – דער דאָזיקער רוף גייט פון דור צו דור. מיר האָבן עס נאָך פון די צייטן פון יציאת מצרים, דאָס פאָדערט שוין די הגדה: והגדת לבנך – דו זאָלסט עס דערציילן דיין זון. דאָס קלינגט אָפּ אין די זכרונות פון גליקל פאַן האַמעלן, אין די פאַרצייכענונגען פון נטע האַנאָווער וועגן די כמיעלניצקי שחיטות אין ת״ח, און אונדזער יונגער קדוש פון ווילנער געטאָ הירשקע גליק פאָדערט, אַז דער פאַראָל זאָל גיין פון דור צו דור!

וויפל מיליאָנען פון אַנדערע פעלקער זענען פון די היטלעריסטישע רוצחים אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן, אין שטאָט און דאָרף? ס'האָט וועגן דעם דאָ און דאָרט ווער געשריבן, אָבער קיין שום פאָלק האָט דערוועגן ניט געשריבן ווי מיר יידן – מיר די טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער פון אונדזער אויסגעהרגעטן פאָלק. ס'איז ניט די פראַגע וועגן צאָל – אין דעם וועט זיך קיינער ניט מיט אונדז פאַרמעסטן! – אָבער יעדער געהרגעטער ציילט דאָך פאַר זיין משפחה ווי טויזנטער. ביי אונדז האָט געווירקט דער אָנזאָג: דערציילט!

אין וואַרשעווער געטאָ איז אַרומגעגאַנגען דער קדוש, דער דאָקטאָר עמונאל רינגעלבלום, הונגעריק, אָפּגעשליסן, געפייניקט האָט ער איינס געהאַט אין זינען, געפאָדערט: יידן שרייבט! דער דאָזיקער רוף ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אונדזער געשיכטע, אויך אין איצט דערשינענעם בוך פון צבי אייזנמאַן: „בלעטער פון אַ פאַרסמאַליעטן פנקס"* קלינגט אָפּ דער דאָזיקער רוף.

אייזנמאַן האָט די שפראַך, דעם ריטעם, דעם קלאַנג, ער ווייסט ווי צו שרייבן – מערערע ליטעראַטור־פריזן האָט ער שוין אויף זיין קאָנטאָ, צווישן זיי דעם גאָר פרעסטיזשפולן מאַנגער־פרייז! – און ער שרייבט. אויב איז ער אַליין ניט געווען דערביי – דער גוטער גורל האָט געוואָלט אַז ער זאָל ראַטעווען זיין לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד – אָבער פון גורל פון אַ טאַטע, מאַמע, פון אַ שוועסטער און אַ ברודער שאָקלט זיך קיינער ניט אָפּ. יעדער פרט פון זייער לעבן ברענט און מאָנט, און אונטער אייזנמאַנס פעדער לעבן אויף די אויפגעכאַפּטע ברעקלעך פון ציטער, פון פיין און גבורה. ערגעץ איבער וועגן, איבער פעלד און דאָרף וואָגלט אַן אַלטיטשקע יידישע באָבע אָן אַ היים, אָן אַן אָנהאַלט, מיט אַן אייניקל ביי דער האַנט. ניטאָ צו וועמען צו גיין, ניטאָ פון וועמען צו דערוואַרטן הילף. אָדער גאָר דער צום טויט געיאָגטער טאַטע טרייבט אַוועק זיין קינד עס זאָל זיך ראַטעווען אין וואַלד: „לויף קינד, לויף צום וואַלד!" און דאָס קינד נעמט אָן מיט פאַרשטאַנד דעם אכזריותדיקן באַפעל פון זיין טאַטן (ז. 113) און ער לויפט... ער לויפט מיט גאָרניט, אין זכרון איז בלויז פאַרבליבן אַ ניט געזאָגטע דרשה צו זיין בר־מצוה... און ער לויפט אין וואַלד, אָבער דאָרט אַהין צו קומען איז ניט לייכט. די דאָרף־שקצימלעך האָבן דערשפירט אַ לייכטן קרבן און זיי באַפאַלן דאָס יינגל, וואָס אַנטלויפט מיט זייערע קלעפ. ער לויפט און די שקצימלעך פאַרפאָלגן אים ביז זיי פאַרהאַלטן זיך. ערגעץ נאָענט איז פאַראַן אַ בודע מיט אַ בייזן הונט, פאַר וועלכן זיי האָבן מורא. נאָענט דאָרט איז דאָס יינגל אַנידערגעפאַלן פאַרחלשט. ווען ער

*צבי אייזנמאַן. בלעטער פון אַ פאַרסמאַליעטן פנקס. י.ל. פרץ פאַרלאַג. תל־אביב 1996.

האָט דערוואַכט איז איבער אים געשטאַנען דער הונט, געלעקט זיין פּנים, זיינע הענט. דערנאָך האָט דער הונט זיך געשטעלט אויף זיינע פאָדערשטע פיס און געקוקט אויף אים, געקוקט און... אים אַריינגעלאָזט אין זיין בורע. באַנאַכט האָט ער אים געוואַרעמט מיט זיין קערפּער און זיך געטיילט מיט אים מיט זיין הינטישער פּאַרציע. שפּעטער, ווען דאָס יינגל איז אַרויס, איבער נאַכט, פון דער בורע און אין דאָרף צענויפגענומען אַ ביסל שפייז, האָט ער עס געבראַכט אין דער בורע, זיך געטיילט מיטן הונט.

ווי הימל־הויך שטייגט אויף דער הונט אין יענער נאַציִשער סביבה פון האַס און מאָרד - ניטאָ קיין שפּור פון דער גייסטיקער ירושה פון געטהע און שילער, פון קאַנט, שאָפּענהאַוער און ניטשע. דער הונט האָט וועגן זיי ניט געוווּסט - ער איז ניט געווען קיין איבערמענטש, ער איז געווען בלויז אַ הונט.

דער מחבר שרייבט אויך וועגן די איבערלעבונגען אין דער סיבירער ווייט - מ'האָט אויך דאָרט קיין האַניק ניט געלעקט - אָבער עס איז ווייט ניט צו פאַרגלייכן מיט די איבערלעבענישן פון זיינע ברידער אין די לאַגערן, און דאָ ווערט שוין בולט אייזנמאַנס באַזונדערע שפּראַך. אין אָנהייב האָט ער געשריבן לידער, ערשט דערנאָך איז ער אַריבער צו פּראָזע - האָט ער אויפגעהיט אין זיך דאָס געפּיל פאַר קלאַנג און ריטעם - שפּירסט עס אַרויס פון יעדער שורה זיינער.

ס'איז גוט וואָס אייזנמאַן האָט צום סוף פון זיין בוך אַריינגעפירט זיינע "מוזיקאַלישע וואָרט־אימפּראָוויזאַציעס" - אַריינגעבערענגט נייע פרישע טענער, וועלכע ברענגען צוריק חשק און מוט צום לעבן.

"...זינג אונדז אַריין אינעם זשום פון אַ בין, אינעם גלעקל
אויפן האַלדז פון אַ שעפּס, אינעם געברום פון אַ ווינט,
אינעם פּליעסק פון אַ לויפנדיק וואַסערל, וואָס גלעט און
שלייפט..." (ז. 169)

ער דערנענטערט אונדזער אויג און אויער צו דער נאַטור - וועקט מוט און ווילן צום לעבן. אין די שורות פון בוך קייקלט זיך אַריין דער ריטעם פון אַ וואַלס:

"...איינס, צוויי, דריי. איינס, צוויי, דריי. וואַנעלעך,
קינדערלעך, בענדעלעך, פענדעלעך, פערדעלעך. איינס,
צוויי, דריי - איינס, צוויי דריי. (ז. 180)

דער קלאַנג פון אייזנמאַנס שורות רייסט דיך מיט. האָסט געלייענט וועגן גרויזאַמען נעכטן, לייענסט ווייטער וועגן היינטיקן טאָג - דאָס לעבן גייט ווייטער - רייך און פאַרבנפול - אַ ניי לעבן וואָס ברענגט נייע רויזן, נייע בלומען... און דער מחבר נעמט עס האַרציק, דורשטיק אויף. אין זכרון בלייבן ווי אַ שלום־אַקאָרד די הייליקע, העלדישע נשמות, וועלכע מיר טראָגן פאָרויס ווי אַ פאַקל, אַ רוף צו כוח און מוט לדור דורות.

**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**
בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049
פאַרוואַלטונג "חשבון" Phone: (310) 820-2976

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים

# ניין, גברת, ניט אַוועקגיין!*

אַן אייזל־קאַראַוואַן האָט פון אַ ווייטן קוואַל אַרויפגעבראַכט צו איר וואַסער אויפן באַרג. יעדער אייזל מיט צוויי בלעכן וואַסער אָנגעהאָנגען אויף די זייטן. אייזל צו אייזל צוגעבונדן מיט אַ שטריק, זענען זיי געגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן און פון סאַמע הינטן די אָנטרייבערס - צוויי באָרוועסע אַראַבער מיט גראָבע שטעקנס אין די הענט. פון צייט צו צייט האָבן זיך די שטעקנס אַראָפּגעלאָזט אויף די מאָגערע הינטנס פון דעם, צי פון יענעם אייזל, פון צייט צו צייט פלעגן די אָנטרייבערס אַ שיק טאָן אַ צעכאָרכלטע קללה איבער די לאַנג־אויערנדיקע קעפּ פון די קליינע באַשעפענישן.

טראָץ דעם אונטעריאָגן האָבן זיך די אייזלען ניט אַזוי שטאַרק געאיילט. געשטעלט קליינע טריטלעך און ביים ראַנד פון וועג געכאַפּט אין מויל אַריין וואָס עס האָט זיך געלאָזט: אַ פאַראַיאָריקע מאַראַנצן־שאָלעכץ, שטעכיק־האַרטע דערנער. אַפילו אַ פאַרוואַלגערט שטיק צייטונג־פּאַפּיר איז גוט געווען, אַבי די ציין זאָלן האָבן וואָס צו קייען. זענען זיי זיך פויל געגאַנגען באַרג אַרויף און מיט יעדן טראָט האָט דאָס וואַסער פון די בלעכן אַרויסגעפּליוכעט מיט ריטשקעלעך צעשמאָלצענעם זילבער. דער שטויביקער וועג האָט זשעדנע אויסגעלעקט די טראָפּנס. ווען דער קאַראַוואַן האָט דערגרייכט דעם באַרג, זענען שוין די בלעכן געווען האַלב ליידיק.

דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעשראָקן די פרוי. מאָרגן פאַרפרי וועלן זיך די אייזלען ווידער לאָזן צום קוואַל און פון דאָס ניי אַרויפברענגען וואַסער און דאָ, אויפן באַרג, אַרום איר, וועט בליען דאָס לעבן. זי וועט פאַרזעצן בלומען און גרינס, אַזוי ווי זי האָט זיך אַ נדר געגעבן, בעת איר פוס האָט דעם באַרג באַטראָטן.

דערווייל איז דאָ דער אַרום געווען גאַנץ ליידיק. אַ ביימל דאָ, אַ קוסטל דאָרטן און זי וויל דאָ זען אַ וואַלד. אַ גאַנצן וואַלד. דערווייל געוועלטיקן די דערנער. אויף וויפל דאָס אויג גרייכט - דערנער. שטייף שטויביק און אויסגעצויגן האָבן די דערנער דאָ, אַזוי אָפּגעשטאַרצט דעם גאַנצן, לאַנגן זומער און אָפּגעוואָרט מיט זעלטענעם געדולד די ערשטע ווינטער־רעגנס. אַ פאַרטריקנטע שטילקייט האָט זיך געוועבט צווישן זייערע גרוי־געלבע שטענגלעך. בלויז ווען עס איז פון ערגעץ אָנגעקומען אַ ווינטל, זענען זיי געוואָרן רירעווודיקער, בויגעוודיקער. מיט די שטעכל־פינגער און שטעכל־קעפּ פאַרנאַרט דאָס ווינטל צווישן זייערע פאַרקאָלטנטע צווייגלעך און געטאָן זיך מיטן ווינטל הוידען, רוישן און פלוישן, ביז דעם ווינטל איז נמאס געוואָרן די שפּיל און ס׳האָט זיך פון זיי אָפּגעטראָגן.

יאָ, זי וועט דאָ פאַרזעצן בלומען און גרינס, אַזוי ווי זי האָט זיך אַ נדר געגעבן, בעת איר פוס האָט צום ערשטן מאָל דעם באַרג באַטראָטן.

*

דאָ, אַנומלט, איז פאַרביי דעם באַרג אַן אַלטער אַראַבער. ער האָט געשטוינט און ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן, וואָס האָבן פּלוצעם דערזען אַן אויסגעוואַקסן מויערל אויפן ווילדן באַרג און אין מויערל - אַ פרוי אַליין, אָן אַ קינד, אָן אַ רינד, אָן אַ משפּחה. אַליין.

---

*פונעם נאָרוואָס דערשינענעם בוך "בלעטער פון אַ פאַרסמאַליעטן פּנקס".

די פרוי האָט אים פֿאַרבעטן אין שטוב אַריין. געגעבן איילבערטן, ברויט און האָניק צו עסן און טיי צו טרינקען.

דער אַראַבער האָט געלויבט אַללאַן און אים געדאַנקט פֿאַרן צושיקן אים אַזאַ גוטן מענטש אויף זיין לאַנגן וועג.

געזעגענענדיק זיך, האָט דער זקן איר אָנגעוווּנטשן, אַז זי זאָל דאָ אויסדויערן. זי איז מיט אים אַרויס פֿאַר דער שוועל און דערביי אַ פֿרעג געטאָן, צי ווייסט ער אפשר די סיבה פֿאַר וואָס באַדעקן זיך די ווענט און דער דיל מיט אַ פֿייכטקייט אין די ווינטער־חדשים. דער וואַנדערער האָט באַטראַכט דעם מויער פֿון אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק מיט אַ מבינותדיקן בליק. אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן איבער די ווענט, איינגעהערט זיך, ווידער אַ קלאַפּ געטאָן, דערנאָך אויפֿגעהויבן צוויי שטיינער, וואָס זענען איבערגעבליבן פֿון דער בויאונג און זיך געוואָלגערט לעבן דער שטוב. גענומען זיי שטויסן איינס אין אַנדערן און צום סוף געפּסקנט, אַז שולדיק איז דער שטיין - ער איז צו ווייך:

– די מויערערס האָבן אייך אָפּגענאַרט - האָט דער זקן אַ ברום געטאָן, ניט אַרויסנעמענדיק די ליולקע פֿון מויל - זיי האָבן זיך באַנוצט מיט די שטיינער פֿונעם זעלבן באַרג און דער שטיין טויג ניט. די רעגן־וואַסערן וועלן אים פֿריער, צי שפּעטער דורכנעצן.

ער האָט אויסגעדרייט דאָס געקאַרבטע פּנים מיט דעם שטעכיק־שיטערן בערדל, אויפֿגעהויבן אַ גערונצלטע, אויסגעאַרבעטע האַנט און אָנגעוויזן אויף צפֿון:

– צום בויען דאַרף מען ברענגען שטיינער פֿון דאָרטן!

צו מאָרגנס, נאָכן באַזוך פֿונעם אַלטן אַראַבער, האָט זיך די פֿרוי אַרונטערגעלאָזט, רייטנדיק אויף איר אייזל צום גלילער שטעטל, וואָס איז געלעגן פֿונאַנדערגעשפּרייט אַרום דעם באַרג און מיטגענומען איינעם פֿון די שטיינער אויף צום באַראַטן זיך. אויך דאָ האָט מען איר געזאָגט דאָס זעלבע וואָס זי האָט געהערט פֿונעם אַראַבער.

די פֿרוי האָט באַשטעלט מויערערס, באַשטעלט שטיינער - דאָס מאָל פֿון צפֿון־באַרג און געהאָפֿט גלייך נאָך פּסח זיך נעמען צו דער אַרבעט. דערווייל האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער און צום ווינטער דאַרף מען זיך גרייטן. איינגעהאַנדלט עסנוואַרג און דאָס אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן רוקן פֿון אייזל צו זיך אין שטוב. אַן אַנדערש מאָל געקויפֿט נאַפֿט און קליידער, ווייל אין די רעגנס איז אָפֿט מאָל ניט מעגלעך אַראָפּצונידערן פֿונעם באַרג.

כּדי עס זאָל איר דער ווינטער ניט זיין אַזוי אומעטיק און זי זאָל האָבן מיט וועמען אַ וואָרט איבערצובייטן, האָט זי געדונגען אַן אַראַביש מיידל, וואָס מען האָט זי גערופֿן נאַדראַ.

די פֿרוי האָט נאַדראַן געבראַכט פֿון אַ ניט ווייטן דאָרף. פֿאַרן לאָזן זיך צום באַרג האָבן זיי זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַ קורצינקן אָפּרו אינעם שטילן, אַ ביסל פֿאַרשלאָפֿענעם גלילער שטעטל. מען האָט זיך געדאַרפֿט איילן. עס האָט אַ צי געטאָן מיט פֿאַרנאַכטלעכער קילקייט. די נאָך־סוכּותדיקע זון האָט געהאַלטן ביים אויסגיין. אַ צענדליק שויבן האָבן זיך פֿאַררויטלט. דערנאָך האָט די אַראָפּנידערנידיקע זון אונטערגעצונדן נאָך אַ צענדליק שויבן. צום סוף האָבן שוין אַלע פֿענצטער, פֿאַרגאַפֿטע צום מערב, דערברענט די רעשטלעך רויט אויף זייערע גלאַנציקע שויבפֿלאַכן.

ווען די פֿרוי מיט נאַדראַן זענען ענדלעך צוגעקומען צום אַריינגאַנג פֿונעם הייזל, איז

שוין דער טאָג געווען אויס. די נאַכטשאָטנס האָבן ווי געוואַרט אויף דעם. זיי זענען זיך צונויפגעלאָפן און מיט זייערע לאַנגע פינגער און אַרויסגעשטרעקטע צינגער פֿאַרשוואַרצט דעם הימל און פֿאַרשוואַרצט דעם באַרג. בלויז פֿון אונטן האָבן אַרויפֿגעבלישטשעט די צעציטערטע שיינען פֿון די באַלויכטענע הייזער און זיך איבערגעוווּנקען מיט די ערשטע שטערן אויפֿן הימל.

*

אין שטעטל האָט דאָס אומגעריכטע באַווייזן זיך פֿון דער פֿרוי אַרויסגערופֿן גרויס נייגער. עס איז אַריבער אַ גאַר לאַנגע צייט ביז מען האָט זיך צוגעוווינט צו איר רייטן אויף אַן אייזל, צום געבראָכענעם עברית מיט אַ שפּאָר ביסל ענגלישע ווערטער פֿאַרמישט, צו איר קאַלטער העפֿלעכקייט, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן די מענטשן פֿון צו זוכן איר געזעלשאַפֿט און צו איר אָפּזונדערן זיך אין איר אויסגעבויט הייזל אויפֿן שפּיץ פֿון באַרג. צוגעוווינט זיך, אָבער דער נייגער איז נאָך אַלץ געבליבן.

נאָך איידער די מענטשן פֿונעם שטעטל האָבן זיך דערוווּסט ווי זי הייסט, האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן "די פֿרוי פֿונעם באַרג" און אַזוי איז שוין פֿאַרבליבן. ווי נאָר די פֿרוי פֿלעגט זיך באַווייזן - אַרומגעהילט אין איר ווייס־טיולענעם שאַל, און ברייטראַנדיקן, ווייסן הוט - פֿאַרביירייטן די שמאָלע, טרעפּלדיקע געסלעך, האָבן מאַמעס צונויפֿגערופֿן די קינדער און אויף איר אָנגעוויזן:

- קינדער, "די פֿרוי פֿונעם באַרג" !

מען האָט וועגן דער פֿרוי געוווּסט אַז זי איז רייך און קומט פֿון ווייטע מקומות. מען האָט אָבער ניט געקאָנט דערגיין צי זי איז אַ גרושה, אַן אלמנה, אָדער געהאַט אַ מאַן און אים ערגעץ איבערגעלאָזט. מען האָט ניט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס די פֿרוי איז דאָ אַהערגעקומען און דווקא אויסגעקליבן אַ מקום וואָס איז ווילד און פּוסט. געטראַכט האָט מען, אַז עפּעס אַן אומגליק האָט זי צו דעם געשטויסן, אָדער ס'איז סתם אַ קאַפּריז אַזאַ פֿון אַ רייכער, עגאָצענטרישער דאַמע און אַז דאָס געלט וועט זיך ענדיקן, וועט זי פֿונעם באַרג פֿאַרשווינדן און דער באַרג וועט צוריק ווערן אַ היים פֿאַר שאַקאַלן, פֿאַר שלאַנגען און פֿאַר כל מיני פֿייגל און פֿלאַטערלעך. דאָס אַלץ זענען אָבער געווען נאָר טראַכטענישן און די אמתע סיבה האָט קיינער ניט געוווּסט.

*

דערווייל איז אַריין דער ווינטער. די פֿרוי און מיט איר נאַדראַ, דאָס אַראַבישע מיידל, האָבן די ווענט מיט סמאָלע אויסגעשמירט, לויט דער עצה פֿון אַ בעל־מלאכה און געוואַרט אויף רעגנס.

די ערשטע רעגנס האָבן ניט דורכגענעצט. זיי האָבן זיך בכלל פֿאַרשפּעטיקט. ביידע פֿרויען פֿלעגן זיצן אין די לאַנגע ווינטערנעכט ביים נאַפֿט־אייוועלע, געטרונקען טיי מיט מיענטע, גענייט פֿוירהענגלעך, איבערגעקליבן אַרבעס. דער שאָטן פֿונעם נאַפֿט־לעמפּל איז אַרומגעשפּרונגען איבער דער שטוב און דער ווינט האָט געפּאַטשט אין די שויבן און טיר.

ווען די פֿרוי איז געבליבן אַליין, ווייל נאַדראַ איז געגאַנגען שלאָפֿן, פֿלעגט זי צורוקן נאָענטער דעם נאַפֿטלאָמפּ, אַרויסנעמען אַ פֿאָטאָגראַפֿיע און זיך גריבלען אין איר לאַנגע מינוטן, צי גאָר זיך פֿאַרטיפֿט אין אַ בוך, אָדער געשריבן בריוו קיין אויסלאַנד אויף גרויסע בויגנס פּאַפּיר.

אין אײנער אַ נאַכט איז עס געשען:

אַ דונער נאָך אַ דונער האָט זיך אַדורכגעקייקלט איבערן הימל מיט אַ צעהוקעטן גרימצאָרן און די בליצן נאָך זיי, מיט זייערע פייערדיקע שווערדן. די הימלשע טראַכט האָט ניט אויסגעהאַלטן און געפּלעט מיט רעגן.

די פרוי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. אירע וואַרעמע פיס האָבן דערפילט די קעלט פון וואַסער. דער גאַנצער דיל איז געווען פאַרפלייצט. כאָטש זי האָט זיך אויף דעם געריכט, איז זי דאָך געוואָרן צעטומלט. גענומען זוכן שוועבעלעך. געפונען זיי, די קנויט פונעם לעמפּל אָנגעצונדן. געוואָלט אַרויפזעצן דאָס גלעזל, איז דאָס גלעזל אַרויסגעפאַלן פון די הענט און זיך צעבראָכן. איז זי געבליבן מיטן רויכערנדיקן לעמפּל און פון אַלע זייטן האָט געראָנען דאָס רעגן־וואַסער. פונעם אַנדערן צימער איז נאַדראַ אַריינגעלאָפן מיט אַ געוויין און זיך צוגעטוליעט צו דער פרויס אָרעם. די פרוי האָט זיך געשטאַרקט, אַוועקגעשטעלט דאָס קאָפּטשענדיקע לעמפּל אויפן טיש און באַרויִקט דאָס ציטערנדיקע מיידל, שפּעטער האָבן זיי ביידע מיט גרויסע עמערס אָנגעהויבן אויסשעפּן דאָס וואַסער.

צוויי פרויען אין ווייסע, נאַסע העמדער האָבן געשעפּט און געשעפּט עמערס שוואַרץ וואַסער און דורך דער אָפענער טיר אַריינגעגאָסן עס אין דער שוואַרצער נאַכט.

*

יאָרן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אויפן באַרג און אויפן באַרג זייערע סימנים געלאָזט. דריי נייע שטיבער זענען אַריינגעוואַקסן אין די שטיינער און אַ יונג נאָדלוועלדל האָט נייגעריק אַראָפּגעקוקט צום שטעטל און צו די אַנדערע בערג פונעם גליל.

ווען די פרוי האָט געדונגען אַרבעטער אויף צו פלאַנצן אָט די ביימער, האָט זי קוים געגלויבט, אַז זייערע דינע וואָרצל־פּעדעם וועלן בכוח זיין, אין דער ערשטער צייט, צו דערנערן די ראַכיטישע שטענגלעך מיט דעם ביסל־פּאַרחלשטע נאָדל־בלעטער און צוגלייך זיך דורכשלאָגן אַ וועג צווישן די שטיינער־שפּאַלטן און פאַרפעסטיקן זיך אויף אַזוי פיל, אַז אין די ווינטער־חדשים זאָל זיי קיין ווינט און קיין רעגן ניט אומוואַרפן און זומער־צייט – דער חמסין און די זון־היץ ניט אויסטריקענען און פאַרשרפען.

דאָס שטעטל, די איינוווינער פונעם שטעטל האָבן מער ניט געספּקט אין דער פרויס כוונות צום באַלעבן דעם באַרג. דאָס שטעטל האָט אַ שליאַך, ווי אַ שטריק, פאַרוואָרפן צום וועלדל און צו די שטיבער איז דער מרחק צווישן באַרג און שטעטל קלענער געוואָרן.

די פרוי מיט נאַדראַ פלעגן אַנטקעגן גיין די מענטשן, וואָס האָבן אין די שבתדיקע טעג זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר צום וועלדל.

ס'האָבן זיך אָבער אונטערגערוקט שווערע צייטן. די אַראַבישע שכנים זענען אָנגעפאַלן אויף יידישע יישובים.

אַראַבישע פאַרבייגייער פלעגן זיך אָפּשטעלן אויפן באַרג, מיט בייזע בליקן באַטראַכטן די הייזקעס, דאָס יונגע וועלדל און שטום און ניט־פאַרגינעריש זיך אָפּגעטראָגן. די פרוי האָט אויפגעכאַפּט זייערע בליקן און זי האָט זיך אפשר צום ערשטן מאָל פון איר זיין דאָ, דערשראָקן.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען זי איז געשטאַנען און באַאַרבעט איר שטיקל פעלד

אינעם צונטער פון דער אונטערגייענדיקער זון, איז אַן ענגלישער אָפיציר אויסגעוואַקסן אויפן באַרג. זי האָט אים באַמערקט פון דער ווייטנס. צוערשט האָט ער אויסגעזען ווי אַ פינטעלע, נאָר דערנאָך איז ער געשטאַנען גרויס און טונקל פאַר דער בלאָנדער, גרוי־אויגיקער פרוי און פונעם פערד אויף איר אַראָפּגעקוקט.

געקומען איז ער זי וואָרענען אַלס שכן – האָט ער געזאָגט – עס לויערן גרויסע סכנות אויף אַלע וועגן און ער וואָלט איר געראָטן צו פאַרלאָזן דעם באַרג און זיך אַריבערקלייבן אין שטעטל און צוגעגעבן, אַז קיין שום שלעכטע כוונות האָט ער ניט דערביי.

די פרוי האָט לאַנג ניט געענטפערט. אָפּגעווענדט דעם קאָפּ פונעם אָפיציר און מיט איר קוק אַרומגענומען דאָס פעלד, דעם בלומען־גאָרטן, די הייזער, דאָס נאָדל־ווועלדל. דערנאָך זיך אויסגעדרייט צו נאַדראַן, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ רידל לעבן איר און זי אַ פרעג געטאָן:

– האַ, וואָס זאָגסטו, נאַדראַ?

און ווען נאַדראַ האָט אַ פאַררויטלטע, געענטפערט:

– ניין, גברת, ניט אַוועקגיין!

האָט די פרוי אויפגעהויבן איר קאָפּ צום וואָרטנדיקן אָפיציר און אים אַנטשלאָסן אָנגעקוקט. דער אָפיציר האָט שוין מער גאָרניט געזאָגט און ניט געפרעגט. זיך לייכט פאַרנייגט, אַ צי געטאָן דאָס ציימל פון זיין קליין, אַראַביש פערדל און אַוועקגעריטן.

*

די פרוי איז פונעם באַרג ניט אַראָפּ, האָט די שטאָט פון צופוסנס זיך אַ הייב געטאָן, אַ שפּאַר געטאָן צום באַרג, וועלנדיק דער פרוי שטאַרקן אין איר באַשלוס.

מויערן און שטיבער האָבן זיך גענומען דראַפּען אַלץ נאָענטער אַרויף צו דער פרוי פון באַרג.

זומער־הייזקעס האָבן צעעפנט זייערע טירן אויף ראַטשע און אָנגעפילט דעם אַרום מיטן הילך פון קינדער און דערוואַקסענע.

די פרוי איז אַרויס פון איר צו לאַנגער התבודדות. מען האָט אָנגעהויבן קומען צו איר, אויך זי פלעגט גערן באַזוכן די נייע שטיבער. אין גיכן אָבער איז איר דער טומל און דער הור־האַ צוגעגעסן געוואָרן. די אַלע נייע מויערן האָבן איר מיט אַ מאָל פאַרשטעלט דעם זון־פאַרגאַנג און דער רעש פון די ניי־צוגעקומענע תושבים האָט איר ניט געלאָזט מער פאַרנעמען דעם שאַרך פון די בלומען אין זייער וואַקסן.

ווען נאַדראַ האָט מיט איר באַזאָרגטן בליק אָנגעקוקט די פרוי און געמיינט דערמיט צו זאָגן און צו פרעגן וואָס איז די סיבה פון דער ענדערונג וואָס איז אין איר פלוצעם פאָרגעקומען און וואָס באַדייטן די סימנים פון אומגעדולד, וואָס איז אויף איר אָנגעלאָפן, האָט די פרוי צו איר געזאָגט:

– דער באַרג איז ניט מער אונדזערער!

די באַנייטע אַראַבישע אָנגעריפן האָבן איר, אין אַ צייט אַרום, דעם באַרג צוריקגעגעבן.

ווען די באַוואָפנטע באַנדעס האָבן זיך הפקרדיק ווידער צעלאָזט איבערן גליל, האָבן זיך אין איילעניש די טירן פון די ראַטשעס פאַרקלאַפּט און די ראַטשניקעס זענען אַוועק, איז די פרוי ווידער געבליבן אַליין. נאָר ווען יונגע בחורים און מיידלעך מיט ביקסן אין די הענט און מיט געשטריקטע, וואָלענע, צוויי־שפּיציקע היטלען אויף די קעפּ, האָבן זיך

איין מאָל באַוויזן אויפֿן באַרג און זיך צעלייגט אין איר שטוב און אין די דריי אַנדערע הייזקעס מיט האַק־און־פּאַק, מיט קליינע רוקזעקלעך, פֿינדזשאַנעס און פֿריילעכן קלאַפּן זיך אין פּלייצע – האָט די פֿרוי דערפֿילט ווי אַ וואַרעמקייט נעמט זי אַרום. אַ נייע היימישקייט האָט זיך צעשפּילט אין אַלע ווינקעלעך און ווען דער באַרג איז אָפּגעשניטן געוואָרן, ווען די אַראַבער האָבן פֿאַרמאַכט דעם וועג, וואָס האָט געפֿירט צום שטעטל, איז די פֿרוי געבליבן מיט אָט די בחורים און מיידלעך. אַרומגעהאַוועט אַרום זיי און זיך געפֿילט ווי אין אַ גרויסער משפּחה.

*

דאָס זיין אויפֿן באַרג איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער, פֿון די אַראַבישע פּונקטן האָט מען אָן אויפֿהער געשאָסן און נאָר ווען די נאַכט פֿלעגט צופֿאַלן איז געוואָרן שטיל. האָט זיך דאָס לעבן איינגשטעלט אין די נאַכט־שעהען, ביי נאַכט האָבן מיידלעך געוואַשן וועש און ביי נאַכט האָט מען, ביים שיין פֿון לוקסן, געגראָבן טראַנשייען וואָס פֿאַרבינדן מיטן וועלדל. איז דאָס וועלדל מיט די גרינע, דינע נאָדל־ביימער געוואָרן זייער פֿעסטונג.

שפּעטער האָט אָנגעהויבן אויספֿעלן ברויט.

ווען די פֿרוי מיט נאַדראַן האָבן דעם לעצטן ביסן פֿאַרטיילט און ס׳איז שוין ניט געווען מער אויף וואָס צו וואַרטן, האָבן די בחורים און מיידלעך אויסגעקליבן פֿון צווישן זיך צוויי שליחים און זיי געשיקט אין וועג אַריין. איינער פֿון די שליחים איז צו זיין ציל ניט דערגאַנגען, געבליבן ליגן אַן אונטערגעשאָסענער אויפֿן ברעג פֿון וואַלד. דער צווייטער האָט זיך אַדורכגעריסן און איז יאָ אָנגעקומען. אין דער זעלביקער נאַכט האָט זיך דערהערט אַ זשומען. די באַלאַגערטע האָבן דאָס זשומען דערקענט און דעם "פּרימוס", דעם יידישן נאַכט־פֿליער אַ צייכן געגעבן. זענען עטלעכע זעק מיט ברויט און מיט וואָפֿן אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן.

די אויסגעהונגערטע קעמפֿער זענען, ניט געקוקט אויף דער באַנייטער שיסעריי, מיטן טאָגשפּראָץ אַוועק צווישן די פֿעלדזן אויפֿצוקלייבן די זעק.

שווער איז געווען דער וועג צווישן די שטיינער. צעריסן האָבן זיך די קליידער אָן די פֿעלדזן־שפּיצן און די פֿיס – צעוווּנדיקט. דערנאָך אָבער, ווען מען איז בשלום צוריקגעקומען און די שטוב מיט דער פֿרוי אויף דער שוועל איז זיי אַנטקעגנגעשוווּמען – האָבן זיי איר צוגעטראָגן דאָס ברויט און זייערע רויטע, ניט אויסגעשלאָפֿענע אויגן האָבן געשיינט.

אַמשווערסטן איז געווען אין די נעכט. נעכט קאַלטע. אָנגעלאָדן מיט סכנה. מען איז געזעסן אין די פּאָזיציעס וואָס אין וועלדל, זיך געבלאָזן אין די פֿאַרשטייפֿטע פֿויסטן און זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך, וואָס האָט זיך געהערט פֿון דער אַראַבישער מחנה.

די אָנגעשטרענגטע שטילקייט האָט נאָכגעלאָזט בעת די פֿרוי און נאַדראַ זענען אַראָפּגעקומען צו די יונגע־לייט אין וועלדל און זיי געבראַכט דזשאַרעס הייסע קאַווע.

אין גאָר אַ נאַסן פֿאַרטאָג, אין איינעם פֿון די גענג מיט קאַווע, איז נאַדראַ געטראָפֿן געוואָרן פֿון אַ קויל פּונקט ווי די קויל וואָלט נאָר אויף איר געטשאַטעוועט. נאַדראַ איז געפֿאַלן מיט צעשפּרייטע הענט ווי אַ פֿויגל וואָס מ׳האָט אונטערגעהאַקט די פֿליגל. ניט קיין קרעכץ, ניט קיין פּיפּס. פּשוט געפֿאַלן און אויס.

די פֿרוי האָט זיך אָן כּוחות אַראָפּגעגליטשט אויף די קני און אונטערגעהויבן נאַדראַס קאָפּ. זי האָט זיך אַ לאַנגע ווײַלע איינגעקוקט אין איר פּנים. דער טויט האָט שוין

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# לידער

## לזכרון מיין אומגעקומענער שטאָט

## ווי ליב איז דער בוים

מה נאה אילן זה
*פרקי אבות*

ס'האָט פרילינג געגרינט שוין אויף יענער זייט שטאָט
האָב איך זיך פאַרבלאָנקעט אַהין ווי אַ סוד

הינטערן צווינטער אין פריצישן גיט.
די אַלטיטשקע ווערבע האָט יונג זיך צעבליט;

ס'פּאַרפּיר ליכטל האָט מיך געצויגן צום טייך,
אין דאָרפישער פרייקייט ווער איז צו מיר גלייך,

אין וואַרטע די מיל מיטן רוישיקן שוים,
אין ווייסן געבלי - אוי, ווי ליב איז דער בוים

און ווי וויל איז דער שוואַרצער צעאַקערטער פעלד
אַזוי ווי אין פּרק מיר האָבן געקנעלט.

נאָר גאָט האָט געשטראָפט מיך, אַ פרעמד יידיש קינד
מיט קללות און שטיינער, צעבייזערטע הינט.

איז דער פרילינג אַנטרונען מיט מיר אין געלויף,
כ'האָב קוים זיך דערשלעפּט צו מיין וואָכיקן הויף,

אַריין כ'בין דערשראָקן אין שטוב אָן גערייד,
געוויינט און געטאַנצט האָט די מאַמע פון פרייד.

## אַוועק מיטן ווינד

גויישע פורן, יידישע סטראַגאַנעס,
קאָמפּאַניעס, אָווע מאַריעס,
בגדים און צאָפּעס, באַשטיוולטע כלאָפּעס,
געקויף און גערדונג, אַ גלאָקן געקלונג,

---

באַוויזן צו לייגן זיין חותם. כאָטש געוווּסט אַז נאַדראַ הערט שוין ניט, האָט די פרוי אירע ציטערנדיקע ליפּן צוגענייגט צו נאַדראַס אויער און דאָרט אַריינגעמורמלט אַזוי, אַז ניט דער ווינט און ניט דער קוסט און ניט דער שטיין זאָלן הערן. דערנאָך צוריקגעלייגט נאַדראַס קאָפּ אויף דער פייכטער ערד. צוגעמאַכט איר די אויגן. אַ גלעט געטאָן. זיך אויסגעוווישט אַ טרער. אויפגעשטעלט. אויסגעגלייכט. גענומען די רזשאַרע און גיך גענומען שפּרייזן באַרג־אַראָפּ צום וועלדל.

קוישן, וויינפערלעך, מאַלינעס, אַנגערעס,
שפּערעלעך־געטריל, קאַטאַרינקע שפּיל
פון דער אַפּטייק ביז דער טאַרגאָווער מיל,
אין שענק – אַ געקריג, בגילופענע שלעגער,
אין בורקעס פאַרגאַרטלט געפּרווירענע טרעגער,
פון טימע־ליק ביז דער געטאָ־בראַמע –
אַ טרויעריק פאַרשווונדענע מאַרק־פּאַנאָראַמע.

## קינדער געוויין

ס׳איז געווען נאָך יענעם יום כיפור־טאָג
ווען דער געטאָ איז געוואָרן "יודן־ריין"
איז דער אַלטער מאַרק געזעסן שבעה
אויף אַ בערגל פון שטיין,
אַ פאַרזשאַווערטע פּלומפּ האָט פאַרוויגט
אונדזער קינדער־געוויין.

אין ליידיקן הויף האָבן שכנים געשאָלטן
דעם סוד פון באַהאַלטענעם גאָלד,
מיין טאַטנס זילבערנע שטערן אין נאַכט פון פאַרלענד
און ס׳קינדער געוויין אין געשוויג פון די ווענט.

ס׳איז געווען נאָך יענעם יום כיפור־טאָג
האָבן נעסטן געבלוטיקט אויף האַרבסטיקעביימער,
אַנטרונען זענען די מאַרק־שפּערעלעך אין אימה;
די קלויסטער גלאָקן האָבן נישט געקענט פאַרקלונגען
ס׳קינדער געוויין אין געשוויג פון די ווענט;
די שלווה איז געוואָרן אויף קויל פאַרברענט.

## דעם טאַטנס קידוש

מיט האַרץ־געקלאַפּ איך עפן די טיר
פון מיין ייִנגלישן חלום וואָס ניגונט אין מיר:
שטיל־שווייגנדיק איך שאַר זיך אַריין
די גרויל־טעג נישט צו וועקן,
די מאַמע זאָל זיך נישט דערשרעקן;

איך רעד מיר איין – אין געפלי, אין געלויף,
אַז די פייער־פליגל האָבן אויסגעמיטן
דעם פאַרלענד אין אונדזער הויף;

אַרום געדעקטן טיש מיר זיצן אַלע צוזאַם,
כ׳האָב בלויז דעם טאַטנס קידוש פאַרזאַמט.

בנימין לובעלסקי / ירושלים

# אימעק

...וועגן אימעקן האָב איך שוין ניט ווייניק דערציילט, אָבער דאָס מאָל וועט זיין אַלץ, פון אָנהייב ביזן סוף - ער איז, ליידער, ניטאָ מער. קיין נייעס פון זיין לעבן וועט מער ניט זיין.

יאָ, אימעק, וואָס איז דאָס פאַר אַ נאָמען? אַוודאי פון חיים, פאַרפוילישט אויף חייאימעק, פון וועלכען ס'איז געבליבן דער סוף פון דימיניטיוו - אימעק. מ'האָט עס אָפט אַזוי געטאָן. מיין זעליקע מאַמע האָט מיט מיין נאָמען, בנימין, אויך אַזוי געטאָן. פאַר איר בין איך געבליבן יאָמע, אַ נאָמען וואָס מ'האָט אָפט געהערט אין פוילן. ס'איז אַפילו פאַראַן אַ שיין פאָלקסליד: "יאָמע, יאָמע, זינג מיר אַ לידעלע" - אָבער כ'וועל איצט קיין לידעלע ניט זינגען, כ'וועל דערציילן וועגן מיין חבר אימעק - און געווען איז ער אַ גלייכער, ערלעכער מענטש, געגלייבט אין לעבנסוועג וואָס ער האָט זיך אָפגעקליבן און געגאַנגען אויף אים גלייך, אָן אַ וואַקל - ער האָט טראָגיש באַצאָלט דערפאַר.

אימעק האָט געשטאַמט פון באָריסלאַוו, צו זיין צייט אַ שטאָט אין מזרח־גאַליציע, אין פוילן. דערנאָך, אין דער מלחמה, איז עס געוואָרן מערב־אוקראַינע. ער האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמער פאַמיליע. וועגן פאָטער האָט ער ניט געוואָלט רעדן. ער האָט אים ניט באַזונדערס געאַכט. די מוטער האָט ער פאַרגעטערט. זי האָט געטראָגן דעם עול פון פרנסה, געשלעפּט איבער די הייזער זאַכן צו פאַרקויפן. זי האָט עס געשאַפן, געגעבן דעם זון אַ גוטע דערציונג, געשיקט אויפן אוניווערסיטעט אין בערן, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וווּ ער האָט געענדיקט זיינע מעדיצינישע לימודים. פון בערן איז ער גלייך געקומען קיין שפּאַניע.

כ'האָב אים געטראָפן אין דער באַזע פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס, אין אַלבאַסעטע. ער איז געווען אַ וווּקסיקער, ברייטפּלייציקער, געזונטער חברהמאַן פון וועלכן ס'האָט געפּאַרסקעט געזונט און פלייס. געטראָפן זיך און שוין ביינאַכט איז ער אַוועק אויפן דרום־פראָנט, און איך אויפן מאַדרידער - ניט באַוויזן זיך אָרורכצושמועסן. מיר האָבן זיך נאָך געטראָפן ניט איין מאָל, אָבער אויף שמועסן איז קיין צייט ניט געווען.

אין די פאַרשידענע לאַגערן אין פראַנקרייך האָבן מיר אונדזער פריינדשאַפט ניט פאַרטיפט. ווען פאַרשיקט קיין אַפריקע, אויף דער אַלזשירער ערד, אין דער סאַהאַראַ מדבר, איז קיין חשק ניט געווען צו שמועסן.

אונדזער דערנענטערונג האָט זיך אָנגעהויבן ווען מיר האָבן, נאָך דער באַפרייונג פון רזשעלפער לאַגער, געמאַכט אונדזערע ערשטע טריט אויפן אַלזשירער ברוק.

אימעק האָט ווי אַ דאָקטאָר, גלייך באַקומען אַרבעט אין אַ יידישער קליניק, מיך האָט מען געשיקט אין אַן אַמעריקאַנער שטאַב מיט אַ צעטל אַז דער טרעגער פון דעם "זעט אויס צו זיין אינטעליגענט", און כ'בין אַריבער אַרבעטן אין דער אַמעריקאַנער, דערנאָך ענגלישער אַדמיניסטראַציע. מיר האָבן געאַרבעט אין צוויי באַזונדערע וועלטן: איך, צווישן אַמעריקאַנער, ענגלענדער, און אימעק צווישן יידן, יידן פון די אָרעמסטע שיכטן, וואָס זענען געקומען געניסן פון דער סאָציאַלער, מעדיצינישער הילף פון דער אַלזשירער יידישער קהילה. דערביי זענען אויך געווען באַשעפטיקט דאָמעס פון די

בעסערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווילטעטיקע פרויען, וועלכע האָבן אויסגעפילט די ראָלעס פון אַדמיניסטראַטאָרס, אויפזעערס, קראַנקען־שוועסטערס – דאָס האָט אונדז דערמעגלעכט צו דערקענען נאָענטער די פאַרשידענע שיכטן פון דער אָרטיקער געזעלשאַפט. ווען מיר האָבן זיך געטראָפן האָבן מיר געשמועסט פון נעכטן און היינט, אַנאַליזירט מענשטן, געשעענישן, פּאַרטייען, באַוועגונגען. אימעק האָט געגומען פירן אַ קאַרטאָטעק אין וועלכער ער האָט פאַרצייכנט כאַראַקטעריסטישע שטריכן, באַמערקונגען וועגן פּערזענלעכקייטן אין אַלזשירער לעבן – יידן, אַראַבער, פראַנצויזן. אין זיין קאַרטאָטעק האָט מען געקענט לייענען וועגן די מענטשן, מיט וועמען זיי האָבן חתונה געהאַט, זייערע נייגונגען – דאָס אַלץ האָט ער געשעפּט פון די צייטונגען, פּריוואַטע שמועסן.

מיט דער צייט האָט זיך אימעק דערנענטערט צו איינע פון די ווילטעטיקע דאַמעס, אַ יונגע אַלמנה און ס'האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן חתונה האָבן. די פרוי, סעסיל, איז געווען פון אַ פאַרמעגלעכער, באַלעבאַטישער היים און דער דאָזיקער שידוך האָט אויפגעהויבן אַ ריי פּראָבלעמען. פאַר יענער סביבה איז אימעק געווען אַ "פרעמדער" אַן עטראַנזשע. מען האָט געוווּסט אַז ער איז אַ ייד, אָבער די לעצטע פּאָליטיש־געאָגראַפישע ענדערונגען האָבן אַ ביסל קאָמפּליצירט די באַגריפן: אַ פּוילישער ייד? אַ רוסישער? אַן אוקראַינער? נו, מען האָט אויך געוווּסט אַז ער איז פון דער אינטערבריגאַדע – אַ באָלשעוויק?!

די משפחה האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט – ניין און ניין! אָבער סעסיל האָט זיך פאַרעקשנט. דעם ערשטן מאַן, וועלכן מען האָט איר געגעבן, האָט זי אָנגענומען ווי אַ גוטע טאָכטער, כאָטש ער איז איר ניט געפעלן – געווען אַ קראַנקער, ניט קיין רעפּרעזענטאַטיווער. דאָס מאָל, דאָס צווייטע מאָל, גענוג, זי וועט נעמען וועמען זי וויל, און אַזוי איז געשען טאַטע־מאַמע, שוועסטערס און שוואָגערס האָבן גאָרניט געפועלט.

אימעק האָט זיך אַריינגעצויגן צו סעסיל אין הויז, אין איינער פון די פאָרשטעט פון אַלזשיר – סענט אויזשען. דאָס איז געווען אַן איינשטאָקיקע געביידע, געבויט אין דער פאָרם פון אַ פּירעק, מיט אַ פּאַטיאָ אין דער מיט. דאָס הויז איז געשטאַנען אויף אַ באַרג אין אַ ברייט פאַרלייגטן גאָרטן, וואָס איז געגאַנגען שטופנווייז אַראָפּ צום שאָסיי. אַ פּאָר צענדליק מעטער ווייטער האָט זיך געוויגט דער ים. דאָס הויז האָט געהאַט אַ סך צימערן און דינסט־איינריכטונגען, ס'האָבן דאָרט געקענט לעבן מערערע משפחות. אַ פליגל אויפן ערשטן שטאָק האָט באַקומען סעסיל – דאָרט האָט זיך עס אימעק אַריינגעצויגן.

געבוירן אין מעריב־אוקראַינע איז אימעק, מיטן פאָרויס מאַרש פון דער רויטער אַרמיי, געוואָרן אַ סאָוועטישער בירגער און געווען אונטער דער סאָוועטישער שוץ. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם סאָוועטישן הכשר. אימעק האָט עס אָנגענומען מיט שטאָלץ און קען זיין אויך מיט התחייבות – אין יענער תקופה פון סאָוועטישע נצחונות איז עס געווען אַ כבוד־זאַך.

אַ געוויסן טאָג האָט מיר אימעק צו וויסן געטאָן, אַז אַלע פאָרמאַליטעטן זענען דערליידיקט און פרייטיק נאָכמיטאָג וועט פאָרקומען די חתונה. וואָס הייסט אַ חתונה? ס'וועט זיין אַ חופה מיט פיר שטאַנגען, מיט אַ רב כדת משה וישראל! איך וועל זיין אַן עדות פון חתנס צד. און דער עיקר די סאָוועטישע אַמבאַסאַדע האָט געגעבן איר הסכם צום שידוך און אַפילו צו אַ רעליגיעזער חתונה, מיט חופה וקידושין, ווי ס'האָט פאַרלאַנגט די משפחה. נו, פון אַ מי שברך און אַ מזל טוב איז נאָך קיינער ניט

געשטאָרבן...

כ׳פלעג קומען באַזוכן סעסעיל און אימעקן טייל מאָל אין מיטן וואָך, און זונטיק כמעט שטענדיק. איינעם אַ זונטיק בין איך ניט געקומען. ווען כ׳בין געקומען אַ וואָך שפּעטער האָט מען מיר געזאָגט, אַז דער פאָטער, זשאָרזש, איז געשטאָרבן. כ׳האָב ניט באַמערקט אַז אין הויז זאָל זיך האָבן וואָס געענדערט, כ׳האָב בלויז געזען אַז די שטול אויף רעדער, אויף וועלכער דער אַלטער איז געזעסן איינגעהילט, וואָרעם צוגעדעקט, איז איצט געשטאַנען ליידיק. כ׳האָב באַמערקט אַז סעסיל איז אין אַנדערע אומשטענדן. מען האָט דערפון ניט גערעדט. צי דערפאַר וואָס די משפחה האָט נאָך אַלץ ניט פאַרדייעט דעם ענין אימעק? ס׳איז געווען אַ מין וואַרטן וואָס וועט סוף כל סוף דערפון ווערן.

אין אַ שיינעם טאָג בין איך געקומען זיך געזעגענען – די מלחמה איז שוין געווען פאַרביי און די פאַרבינדונג צווישן אַלזשיר און פּאַריז איז שוין געווען איינגעשטעלט. מיין פאַרלאָזן אַלזשיר איז ניט געווען קיין איבעראַשונג. מיין לעבן דאָ איז געווען אויף איין פוס, אויף דערוויייל. כ׳האָב דאָ קיין וואָרצלען ניט געשלאָגן. דאָס געזעגענען זיך איז פאָרגעקומען אין אַ שווערער שטימונג. אימעק האָט אַוודאי געטראַכט ״ווו בלייב איך דאָ אַליין?״ סעסיל האָט טיף אין האַרצן מורא געהאַט פאַר דער וואַנט, וועלכע נעמט זיך קרישלען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיין שיף זיך אָפּגעקלאַפּט פון אַלזשירער ברעג, שווער געקרעכצט און גענומען ריכטונג אויף פראַנקרייך. אין צוויי טעג אַרום בין איך געווען אין מאַרסיי פון וואַנען כ׳בין מיטן ערשטן צוג אַוועק קיין פּאַריז.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, זיך איינגעאָרדנט אין פּאַריז, האָב איך געשריבן צו אימעקן. קיין ענטפער איז ניט געקומען. אין אַ חודש אַרום האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר – פאַר מיר איז געשטאַנען אימעק! כ׳האָב זיך שטאַרק דערפרייט אים ווידער צו זען.

פון אונדזער שמועס איז קלאָר געוואָרן, אַז אימעק האָט אין אַ געוויסן מאָמענט געמוזט איבעררייסן זיין מעדיצינישע פּראַקטיק, איבערלאָזן זיין קאַרטאָטעק און שנעל פאַרלאָזן אַלזשיר. אין פּאַריז, ווו ער איז אָנגעקומען אין דער פרי, וועט ער פאַרבלייבן ביז מאָרגן און וועט אָפּפליען קיין מאָסקווע. און סעסיל? אין די לעצטע וואָכן פון שוואַנגערשאַפט האָט די געמוזט בלייבן אין אַלזשיר, מען וועט זי שוין אַריבערברענגען קיין מאָסקווע. פאַר דעם איז דאָ ווער ס׳זאָל זאָרגן, האָט מיך אימעק באַרואיקט. און די קאַרטאָטעק? מיט דעם האָט זיך שוין פאַרנומען די אַמבאַסאַדע, האָט מיר געענטפערט אימעק האַלב מיטן מויל, האַלב מיט אַ ווינק.

און אימעק איז אַוועק, פאַרשווונדן ווי אַ שטיין אין וואַסער. סעסילס בריוו צו מיר זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל פאַרצווייפלטער, ביז זיי האָבן אויפגעהערט צו קומען.

אין אַ צוויי יאָר אַרום האָב איך אויסגענוצט מיין זומער־אורלויב און אַוועק אויף אַ באַזוך אין אַלזשיר. כ׳בין אַרויסגעפלויגן ביי נאַכט און נאָך פיר שעה פליען בין איך געשטאַנען אויפן מעזאַן פליפלאַץ אין בלאַנש. שוין אין ערשטן טאָג בין איך געגאַנגען באַזוכן אימעקס משפחה. כ׳האָב געשלונגען די טרעפּ צו צוויי מיט אַ מאָל און ווען כ׳האָב געשפּרייזט צו דער טיר – צו וואָס באַהאַלטן – האָט מיר דאָס האַרץ גוט געקלאַפּט. ווער וועט מיך עפענען? כ׳האָב אָנגענומען די קופּערנע האַנט, געשלאָסן אין אַ פויסט, וואָס איז געהאַנגען אויפן מיטן טיר, און עטלעכע מאָל מיט איר לייכט אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער קופּערנער פּליטע, אויף וועלכער זי האָט גערוט. כ׳האָב זיך

גלייך דערווייטערט פון דער טיר, כדי צו קענען קוקן אַרויף צו די פענצטער און זען, ווער ס'וועט זיך אַרויסבויגן. פון אַ פענצטער האָב איך געהערט סעסילס זשעני̈רטע שטים. זי איז גלייך אַראָפּ מיר עפענען. מיר זענעןביידע געווען אין פאַרלעגנהייט, ניט געקענט זיך פרייען פון דער באַגעגעניש. די ווירקלעכקייט האָט שווער גערריקט, שווער צו שמועסן ווען אַלץ איז קלאָר און ס'בלייבט ניט וואָס צו זאָגן. פּאַר מיר איז געזעסן סעסיל נאָך צוויי יאָר וואַרטן – לאַנגע, פולע צוויי יאָר, טעג און נעכט פון וואַרטן און טראַכטן. כ'האָב זיך ניט געגייטיקט אין אויפקלערונגען און גוט געוווסט, אַז פון "דאָרטן" שרייבט מען ניט, אַז ס'איז ניט דאָס אָרט ווו מען פאָרט אַריין און אַרויס. וועגן דעם האָט זיך סעסיל איבערצייגט אויף איר אייגענער הויט. אָן ידיעות פון אימעקן איז סעסיל, נאָך אַ פּאָר חודשים וואַרטן, געגאַנגען צו דער סאָוועטישער פאַרטרעטערשאַפט פרעגן. מען האָט זי אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַ באַרואיקונג, אַז ס'וועט זיין גוט. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט די פאַרטרעטערשאַפט איר איבערגעגעבן אַ רעפּעשע פון אימעקן, אַז "ער איז געזונט, אַז אַלץ איז אין בעסטער אָרדנונג" און ס'איז אָנגעגעבן געווען אַן אַדרעס. סעסיל האָט גלייך געשיקט אַ בריוו אויפן דאָזיקן אַדרעס. קיין ענטפער האָט זי ניט באַקומען.

סעסיל האָט גערעדט פּאַמעלעך, פּרעציז, ווי שוין ניט איין מאָל אַרויסגעזאָגטע פראַזעס. פון צייט צו צייט האָט זי פאַרבאָרגענערהייט אָפּגעווישט אַ טרער. כ'האָב איר ניט איבערגעריסן ניט מיט קיין פראַגע, ניט מיט קיין וואָרט. כ'האָב שטיל געקוקט פאַר זיך, אויסגעמיטן סעסילס בליק.

פון אַ צימער מיט אַן אָפענער טיר איז אַריינגעלאָפן אַ קינד.

– דאָס איז ער?

– יאָ, ער הייסט זשאָרזש – סעסיל האָט אים אַ רוף געטאָן – ווי אימעק, ניט אמת?

– יאָ, אין גאַנצן, ווי אויסגעגאָסן.

זשאָרזש איז שוין געווען ביי צוויי יאָר אַלט. אַ געזונט געבויט קינד מיט זיכערע פנים־שטריכן, זיכערע באַוועגונגען. כ'האָב אים אַ צערטל געטאָן, געוואָלט פאַרהאַלטן אויף אַ ווייל, ער האָט זיך געראַנגלט מיט מיר, זיך ניט געלאָזט. לסוף האָט ער מיר דערלאַנגט אַ טרעבענץ אין פּלייצע מיט אַ כוח, גאָרניט פון זיין עלטער. די מאַמע האָט זיך פאַרשעמט און צוגלייך שטאָלץ געווען. ער איז אַוועק ערגעץ אין אַ זייט.

סעסיל האָט פאָרגעזעצט איר פּיינלעכן מאָנאָלאָג. כ'האָב זיך צוגעהערט שוין בלויז כדי איר צו דערמעגלעכן זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. קיין נייעס האָב איך ניט דערוואַרט. זי האָט מיך פאַרבעטן צום אָוונטברויט. כ'האָב געזאָגט אַז כ'בין אָפּגעשמועסט אויף היינט אָוונט. ניט אמת. כ'בין ניט געווען אָפּגעשמועסט. כ'האָב פשוט ניט געוואָלט בלייבן. כ'וואָלט ניט געקענט אַראָפּשלינגען דעם ביסן.

כ'האָב נאָך אַ פּאָר מאָל באַזוכט סעסיל. געבראַכט שפּילצייג פאַר זשאָרזשן. געפּרוווט געבן האָפענונג, אין וועלכער כ'האָב אַליין ניט געגלייבט, און צוריק אַוועק קיין פּאַריז.

די יאָרן האָבן ניט געבראַכט קיין ענדערונגען. דורך די יאָרן האָבן זיך דורכגעוועבט סעסילס בריוו צו מיר פון אַלזשיר. און אימעק? אימעק איז געווען ווייט אַוועק, פון אים זענען ניט געקומען קיין בריוו, ניט קיין טעלעגראַמען.

אין אַ שיינעם טאָג, נאָך לאַנגע יאָרן, זייענדיק אין האַנאָי, אין אַן אַזוי גערופענער ברידערלעכער רעפּובליק, האָב איך אויסגענוצט אַ פרייע מינוט און אָנגעשריבן צו

אימעקן אַ בריוו - אויפן אַדרעס, ווי ס'האָט מיר אָנגעגעבן סעסיל. כ'האָב גלייך באַקומען אַן ענטפער. ס'האָט זיך איינגעשטעלט צווישן אונדז אַ נאָרמאַלע קאָרעספּאָנדענץ.

וואָס איז דאָ צו רעדן? ס'איז געשען ווי דער שטייגער איז געווען: ווי נאָר אימעק איז אַריבער די שוועל פון סאָוועטישן "גן־עדן" האָט ער געמוזט אויפגעבן די פאַרבינדונג מיט דער מערב־וועלט. צי איז ער ניט "אַ ביסל געזעסן", ווי ס'האָט זיך געפירט בימי סטאַלין, ווייס איך ניט - וועגן אַזעלכע זאַכן שרייבט מען ניט אין בריוו פון דאָרטן. אימעק האָט ניט געשריבן קיין אַלזשיר, אָפּגעריסן זיך. און אַזוי אַ יאָר נאָך אַ יאָר. צו ערשט איז ער געווען אין אוקראַינע, האָט ער דאָך געשטאַמט פון מזרח־גאַליציע. דערנאָך איז ער אַוועק אַ פּאָר טויזנט קילאָמעטער אויף מיזרח, קיין קורגאַן, אין קאַזאַכסטאַן. פאַר וואָס, ווייס איך ניט. ווייט אַוועק, האָט ער דאָרטן געטראָפן אַ פרוי, אויך אַ דאָקטאָר און - יאָ, דאָס איז עס. דאָס איז עס און אַזוי האָט עס געמוזט זיין אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

אָט ליגן פאַר מיר צוויי דאָקומענטן, וועלכע סעסיל האָט מיר איבערגעשיקט אין איינעם פון אירע בריוו: אַ בריוו פון פראַנצייזישן אויסערן־מיניסטעריום פון 1960, וואָס ווייזט איבער איר אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע די ווענדונג פון סעסיל, מען זאָל בעטן אַן אויפקלערונג וועגן גורל פון ד"ר אימעק בערנשטיין און דערמעגלעכן זיין צוריקקער. די סאָוועטישע אינסטאַנצן האָט עס ניט געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט, אין צוויי חדשים שפּעטער האָבן זיי צוגעשטעלט (דעם צווייטן דאָקומענט), אַ קורצע דערקלערונג פון ד"ר בערנשטיין, אַז ער איז אַ סאָוועטישער בירגער, אַז זיין פאַמיליע געפינט זיך דאָ אויפן אָרט און מער האָט ער ניט וואָס צו זאָגן. געצייכנט: מיט רעספּעקט - אי. בערנשטיין. קיין האַנט־אונטערשריפט איז אויפן דאָקומענט ניטאָ. איז וואָס? און ווען אויפן אָפיציעלן דאָקומענט איז יאָ פאַראַן אַן אונטערשריפט, איז עס פון די גרויסע זאַכן, אַז די נ.ק.וו.ד. זאָל אַזאַ אונטערשריפט באַקומען? און אַזוי האָט אַלץ וואָס סעסיל בערנשטיין זאָגט אין אירע בריוו, וואָס בערנשטיין שרייבט אין זיינע בריוו קיין שום באַדייטונג ניט. "מענטש - קלינגט שטאָלץ" - פלעגט מען איבערחזרן אָן אַן אויפהער אין סאָוועטנפאַרבאַנד דעם זאַץ פון מאַקסים גאָרקי - אָבער דאָס לעצטע וואָרט האָט געהאַט די נ.ק.וו.ד.!

***

בעת מיינע רייזעס איז מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען זיך צו פאַרהאַלטן אויף דער סאָוועטישער ערד. כ'האָב שטאַרק געוואָלט זיך טרעפן מיט אימעקן. אַזעלכע באַגעגענישן האָגן אָבער ניט געהערט צו די געוווינהייטן אין דאָזיקן לאַנד, און פון מיין ווונטש איז גאָרניט אַרויסגעקומען. קיין רייד ניט געווען כ'זאָל זוכן אימעקן אין קאַזאַכסטאַן. איין מאָל, נאָך פופצן יאָר, האָט מיר די פּאָסט אין איין און דערזעלבער צייט געבראַכט בריוו פון אימעקן און פון סעסיל. סעסיל האָט אַלץ געוואַרט אויף ידיעות פון אימעקן... כ'האָב זיך ניט געפילט בכוח צו דערציילן אימעקן וואָס סעסיל שרייבט און אַוודאי ניט צו דערציילן סעסילן וואָס אימעק שרייבט. כ'האָב אויפגעהערט שרייבן צו ביידן.

יאָרן זענען געגאַנגען, יאָרן זענען פאַרביי. כ'צווייפל ניט אַז סעסיל האָט אַלץ געטאָן, כדי צו געבן איר זון אַ גוטע דערציונג. ווי אַן איינזאַמער פרוי איז עס איר זיכער ניט לייכט אָנגעקומען.

זשאָרזש איז שוין היינט אַ דערוואַקסענער מענטש. איז ער נאָך מיט זיין מוטער אין פראַנקרייך? ערגעץ אַנדערש ווו אין דער וועלט? ווו איז אימעק? ווו איז סעסיל? ווו איז זשאָרזש? זיצט ער איצט ערגעץ מיט אַ פריינד, ווי אימעק איז אַ מאָל געזעסן מיט מיר אין סענט־אויזשען און הייבט ער ניט אָן זיין שמועס אַז זיין פאָטער האָט אין אים פאַרגעסן, בלויז די מוטער האָט אַלץ געטאָן צו געבן אים בילדונג, צו העלפן אים אויף זיין לעבנסוועג?

כ׳האָב געטראַכט און געטראַכט און נאָך לאַנגע יאָרן ווידער אָנגעשריבן אויפן איינציקן אַדרעס וואָס איז מיר געבליבן - צו אימעקן, אין קורגאַן. כ׳בין שוין דעמאָלט געווען צוריק אין וואַרשע און געווען זייער צופרידן ווען כ׳האָב דערזען אַ בריוו פון אים. פון סעסיל איז ניט געווען וואָס צו דערוואַרטן. שוין לאַנג וואָס אַלזשיריע איז געוואָרן אַ מוזולמענישע מדינה און זי האָט אָנגעהויבן אירע ערשטע טריט מיט ״דערלויבן״ די אַלזשעריאַנער יידן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. זיי האָבן עס געטאָן מאַסנווייז, טאָטאַל, אונטער דער שוץ פון פראַנקרייך - זענען דאָך די יידן, אויפן סמך פון קרעמיע־געזעץ, געווען פראַנצייזישע בירגער! איז סעסיל און זשאָרזש אויך אַוועק? וווהין? קיין פראַנקרייך? קיין ישראל? גיי ווייס - כ׳האָב ניט געהאַט ביי וועמען צו פרעגן. גוט וואָס כ׳האָב באַקומען אַ בריוו פון אימעקן - ס׳האָט זיך ווידער איינגעשטעלט אַ פאַרבינדונג.

דאָס מאָל איז עס געווען אַ בריוו ניט פון זיין ווינאָרט קורגאַן, נאָר פון מאָסקווע. עס איז געווען אַ גרעסערער בריוו. במשך פון 14 יאָר האָט ער געשריבן בלויז פאָסטקאַרטלעך. פאַרוואָס? ער האָט גוט געדענקט וואָס מען האָט אים געזאָגט גלייך נאָכן איבערטרעטן די סאָוועטישע גרענעץ - ער זאָל פאַרגעסן זיין משפחה! ״דאָס איז געווען דער גרעסטער קלאָפּ פאַר מיר״ - שרייבט ער. איצט, אין דער פילמיליאָניקער הויפטשטאָט, וועט זיך זיין בריוו אויסמישן מיט די מערערע בריוו, וועט זיין אַ בעסערע מעגלעכקייט צו פאַרווישן זיין פאַרבינדונג מיט אויסלאַנד - אַ שרעקלעכע זינד געווען אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ער איז געפאָרן אין שליחות (קאָמאַנדיראָווקאַ) און וועט זיין דאָ אַ פּאָר טעג - האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט.

ער האָט זיך בלויז דערלויבט צו שרייבן וועגן זיין זון, זשאָרזש ״וואָס מוז שוין איצט, נאָך 14 יאָר, זיין אַ גרויסער בחור״, און וועגן סעסיל, ״וועלכע שרייבט האַרצברעכנדיקע בריוו״. ער בעט מיך, אויב איך בין אין פאַרבינדונג מיט סעסיל, איר שרייבן, אַז ״זי זאָל אַפילו ניט טראַכטן אַז כ׳האָב זי פאַרגעסן״. ער דערמאָנט, אַז די באַדינגונגען דאָרט זענען שווער, ער שטעלט זיך ניט פאָר ווי סעסיל וואָלט עס אויסגעהאַלטן. ס׳איז קיין רייד גיט געווען אַז כ׳זאָל איר שרייבן, ניט געהאַט איר אַדרעס.

אין זיין שפעטערדיקן בריוו צו מיר קיין וואַרשע, אין 1965, האָט אימעק מיר געגעבן צו פאַרשטיין אַז ער וואָלט גערן געקומען צו מיר אויף אַ באַזוך. דאָ האָט זיך שוין אַריינגעמישט דער ביטערער גורל.

כ׳בין שוין געווען 5 יאָר צוריק אין לאַנד, פון וויעטנאַם, ווו כ׳האָב געהאַט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פאָסטן. כ׳האָב שוין פון לאַנג באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פוילן און פאָרן קיין ישראל. 5 יאָר איז געווען די צייט, וועלכע כ׳האָב באַדאַרפט אָפּוואַרטן, אַזאַ מין קוואַראַנטאַנע, כ׳זאָל קענען דערלאַנגען אַ ביטע פאַר אַ דערלויבעניש. אַ געפערלעכע זאַך מען זאָל מיר דערלויבן אַרויסצופאָרן פריער - כ׳קען נאָך אויפדעקן מלוכה־סודות! כ׳האָב אַזאַ ביטע דערלאַנגט - מען האָט מיר אָפּגעזאָגט. כ׳האָב דערלאַנגט אַ

צווייטע - מען האָט זי אויך אָפּגעוואָרפן. איצט בין איך געשטאַנען אין קאַמף צום דריטן מאָל פאַר אַזאַ דערלויבעניש. שיקן אין דעם מאָמענט אַן איינלאַדונג צו אימעקן האָט מיך געשטעלט אין אַ דעליקאַטער לאַגע. מיין איינלאַדונג האָט געקענט שאַפן אַ געבענטשטן גרונט פאַר דער... נ.ק.וו.ד., זי זאָל אים פאַרבינדן מיט אַ ציוניסט אין פוילן. וואָס האַלט ביים פאָרן קיין ישראל. ס'איז נאָך ניט געווען די ריכטיקע צייט צו שיקן אַזאַ איינלאַדונג. דער דאָזיקער בריוו איז געבליבן אָן אַן ענטפער - צו מיין גרויס באַדויערן!

אַ פּאָר יאָר אין ישראל האָב איך ניט געוואַגט צו אים צו שרייבן. כ'האָב עס געטאָן אַ פּאָר יאָר שפּעטער - כ'האָב אים געשריבן פון קאַנאַדע, דער בריוו איז ניט צוריקגעקומען, אָבער קיין ענטפער האָב איך ניט באַקומען - האָט ער שוין ניט געלעבט? כ'האָב ניט אויפגעגעבן, כ'האָב ווייטער געשריבן. ס'איז שוין געווען אין די זיבעציקער יאָרן, ווען סטאַלין און זיין מלכות הרשע האָט שוין לאַנג ניט עקזיסטירט, אָבער קיין ענטפער איז ניט געקומען. האָב איך מיר געטראַכט, אַז אין די ווייטע קאַנטן, ווו אימעק איז געווען, האָט מען נאָך געצווייפלט אין דער סטאַבילקייט פון די נייע ווינטן, וואָס בלאָזן פון מאָסקווע און זיי האָבן ניט געוואַגט צו שרייבן, האָב איך ווייטער געשריבן און געוואַרט - אפשר דאָך!

ס'האָט ווידער געדויערט אַ לאַנגע צייט - פאַקטן שאַפן זיך ניט אַליין, מען דאַרף זיי העלפן קומען אויף דער וועלט. גאַנץ שפּעט, אין סעפּטעמבער 1992, בעת אַ קורצן אויפהאַלט אין פּאַריז, האָט מיר אַ שלאַג געטאָן אַ געדאַנק אין קאָפּ: ס'מוז דאָך זיין אַ "געזעלשאַפט פון אַלזשירער יידן", פון די וואָס זענען געקומען קיין פראַנקרייך! יאָ, ס'איז געווען. איז וואָס קען זיין? כ'וועל צו זיי שרייבן, אָנפרעגן וועגן ד"ר אימעק בערנשטיינס פאַמיליע, וועגן סעסילס פאַמיליע - די בן־סימאָנס, און כ'האָב געשריבן.

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און כ'האָב באַקומען אַ בריוו. דאָס האָט סעסילס שוועסטערן־זון באַקומען מיין בריוו און מיר גלייך געענטפערט. דאָס איז געווען דער קליינער זשאַן לואי, וואָס האָט צו יענער צייט נאָך געשפּילט זיך אין גאָרטן אַרום די בן־סימונס הויז. מיר האָבן אים גערופן זשאַן לו, היינט אַ דאָקטאָר־קאַרדיאָלאָג אין פּאַריז. ער האָט מיך גוט געדענקט און זיך געפרייט ווי מען פרייט זיך ווען מען טרעפט אומגעריכט אַ גוטן באַקאַנטן נאָך לאַנגע יאָרן - אין דעם פאַל 45 יאָר!!! אַן אַלטן באַקאַנטן, פון וועמען מען האָט באַקומען צוקערלעך און נאַשערייען. צום בריוו זענען אויך צוגעלייגט געווען דאָקומענטן, פאָטאָס. און ווי זאָגט עס דאָס ענגלישע ווערטל: ווען עס רעגנט - גיסט עס! כ'האָב אין דער זעלבער צייט באַקומען אַ בריוו פון אימעקס רוסישער פרויס אייניקלעך פון איר זון אָלעג, פאַר וועלכן אימעק האָט מיך אַ מאָל געבעטן פּוילישע ספּאָרט־צייטונגען. דעם זונס זון האָט שוין געהייסן אָלעג אָלעגאָוויטש, דאָס הייסט מיט דעם צוגאָב פון זיין טאַטנס נאָמען, וואָס מיר קענען נאָך פון גאָגאָלס שניידער, פון "שינעל" - אַקאַקי אַקאַקיעוויטש. עס האָט אויך געשריבן, זייער סימפּאַטיש, זיין פרוי אַלאַ. ער, 26 יאָר אַלט, האָט געענדיקל דעם מעדיצינישן אינסטיטוט און אַרבעט ווי אַ פּסיכיאַטער, און זי אַרבעט ווי אַ דאָקטאָר אין רויטן קרייץ. זיי האָבן צוויי קינדער, אַ טאָכטער פון 6 יאָר און אַ זון פון 4 יאָר.

כ'האָב קיין מאָל ניט אויפגעגעבן מיין פריינדשאַפט מיט אימעקן, כ'האָב געהיט יעדן בריוו פון אים און פון סעסיל. איצט זענען צוגעקומען די בריוו, די אַקטועלע, פון די אייניקלעך - זיי וועלן העלפן אויספילן דאָס בילד.

די קינדער, אָלעג און אַלאַ שרייבן, אַז ער האָט אָפּט גערעדט וועגן די ערשטע שווערע טעג, אָבער ניט קלאָר אין וועלכן זין, ווו? מיר ווייסן בלויז, אַז ער איז געשיקט געוואָרן קיין לוואָוו, וווּ ער איז באַשטימט געוואָרן ווי דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר דער ביאָכעמישער אָפּטיילונג פֿון איינעם פֿון די שפּיטעלער דאָרט.

אין 1948 באַקענט ער זיך מיט דער דאָקטאָרין גאַמילאַ ניקאָלאַיעוואַ זאָרין. זי האָט אַ זון פֿון איר ערשטן מאַן, וואָס איז געפֿאַלן אין קריג. פֿון דעמאָלט אָן, ווי עס זאָגן די קינדער, זענען זיי געווען צוזאַמען, 43 יאָר.

אין די ערשטע שווערע טעג האָט אימעק זיך באַמיט צו פֿאָרן קיין פּוילן, אָבער אָן שום רעזולטאַט.

אין 1952 איז ער אַריבערגעפֿאָרן קיין קורגאַן, אין ווייטן קאַזאַכסטאַן, אויף זיין אייגענער ביטע, האָט אימעק געשריבן. לויט די קינדער האָט די באָבע געוואָלט דאָרט אַריבערפֿאָרן, זי איז געווען פֿון יענער געגנט, גיי ווייס אויב עס איז ניט געווען צוליב אימעקס ביטע אַרויסצופֿאָרן קיין פּוילן וואָס די נ.ק.וו.ד. האָט געהאַלטן פֿאַר "פֿאַסיקער" צו שיקן אים "אַ ביסל ווייטער..."

אין קורגאַן, ווי אָלעג שרייבט, איז אימעק באַשטימט געוואָרן ווי דער שטעל - פֿאַרטרעטער פֿון פֿאַראַנטפֿאָרטלעכן פֿאַר געזונטהייט-וועזן פֿונם קורגאַנער ראַיאָן. אין די 50־קער־60־קער יאָרן איז ער שוין דער הויפּט־פֿאַראַנטפֿאָרטרטלעכער פֿון דער דאָזיקער דינסט פֿאַרן גאַנצן ראַיאָן. מען בעט אים אַריבערצוגיין אין מיניסטעריום פֿאַר געזונטהייט, אָבער אימעק זאָגט - ניין! ער ווייסט פֿונעם כּלל: "העכער דער פּאָסטן - ווייטער פֿליט דער קאָפּ"...

אין 1963 פֿייערט מען דעם טערמין ווען ער דאַרף אַריבער אויף פּענסיע - אָבער אימעק אַרבעט ווייטער אויף זיין פּאָסטן ביז 1986.

געזונטהייטלעך? אין 1958 האָט ער צעבראָכן אַ היפּט - ער איז גיך געזונט געוואָרן, נאָר פֿון דעמאָלט אָן איז ער געגאַנגען מיט אַ שטעקן. אין 1977 האָט ער געהאַט זיין ערשטן האַרץ־אַטאַק, אָבער ער איז שנעל געקומען צו זיך און ווייטער געאַרבעט. אויף מיין פֿראַגע וואָס איז ער געווען פֿאַר אַ מענטש? האָבן ביידע קינדער אונטערגעשטראָכן, אַז ער איז געווען אַ זייער ליבער מענטש. אָלעג ווייסט צו דערציילן, אַז דער דיעדושקאַ האָט זיך מיט אים פֿאַרנומען פֿון דער צייט ווען ער איז געווען אין די וויקעלעך און דאַנקט מיר וואָס כ'האָב זיך אַזוי מיט אים אינטערעסירט - ער האָט עס גוט פֿאַרדינט. אַלע מיינע בריוו ליגן אויף אַ באַזונדער אָרט אויפֿן טיש - יאָ, אַלע מיינע בריוו זענען דאָ! - ער האָט זיך מיט זיי געפֿרייט ווי מיט אַ קינד.

- ר'איז געווען זייער אינטעליגענט, אַן ערודיט - ציט ווייטער, אַלאַ, דעם שמועס, ער האָט גערעדט אָפּט פֿון די דרייסיקער יאָרן - די יאָרן פֿון שפּאַנישן קריג. ער האָט ניט מורא געהאַט פֿאַר דער אינפֿלאַציע. "כ'האָב איבערגעלעבט צוויי אינפֿלאַציעס - האָט ער געזאָגט - וועל איך די דריטע אויך איבערלעבן..." ער האָט געהאַט אַ סך פֿריינד, ליב געהאַט צו שמועסן מיט מענטשן, באַזונדערס מיט פֿרויען...

- ווען כ'האָב אים געוויזן אויף די בריוו און געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער ענטפֿערט ניט, האָט ער געשמייכלט און געשוויגן.

אין מיין ענטפֿער צו אַלאַ האָב איך איר לייכטער געמאַכט די זאַך:

- דאָס האָט ער געשמייכלט צו דיר, ווי האָסט מיר געזאָגט, האָט ער שטענדיק געשמייכלט צו שיינע פֿרויען - און אַזוי אַרום פֿאַרדעקט דעם ענין מיט אַ קאָמפּלימענט

פון ווייטנס. וועגן שוויגן האָב איך איר גאָרניט געזאָגט, גיי, דערציייל אַ יינגעטשקע פרוי, געבוירן און דערצויגן אונטער דער דער סאָוועטישער השגחה, פאַרוואָס ס'איז בעסער געווען פאַר אימעקן צו שווייגן...

אין 1986 האָט ער געהאַט דעם צווייטן האַרץ־אַטאַק - עס איז געווען אַ זייער שווערער. ער איז געבליבן אַ לענגערע צייט אין שפּיטאָל. ווען ער איז אַ היים געקומען איז ער צו דער אַרבעט מער ניט געגאַנגען. ער האָט אַ סך געלייענט, זייער ווייניק אַרויסגעגאַנגען.

אין 1991 האָט זיין פרוי גאָמילא ניקאָלאַיעוונא זאָרין געהאַט אַ בלוט־אויסגוס אין מוח און איז געשטאָרבן נאָך 18 טעג, דעם 7־טן יאַנואר 1991.

איר טויט, שרייבן די קינדער, האָט שטאַרק געווירקט אויף אימעקן - ער האָט זיך געפילט זייער איינזאַם. ער האָט געהאַט נאָר איין ווונטש: שטאַרבן אָן ליידן, ביי זיין שרייב־טיש. קיין אַנדערן ווונטש האָט שוין אימעק ניט געהאַט, ניט געווען מער קיין האָפענונג דערפאַר. אַזוי איז ער געשטאָרבן דעם 19־טן יאַנואר 1992 - אַ יאָר נאָך זיין פרויס טויט, אין עלטער פון 88 יאָר.

אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן מיין טייערער חבר אימעק, וואָס האָט אויסגעקליבן דעם גלייכן וועג, וועלכער איז אַזוי מיאוס פאַרקרימט געוואָרן.

ער האָט דערנאָך אַלץ געטאָן צו דערהאַלטן זיך אויף דער אויבערפלאַך. די פרוי גאָמילאַ ניקאָלאַיעוונאַ זאָרין, האָבנדיק פאַרלוירן יונגערהייט איר מאַן, האָט זיך נאָך איר אומגליק געטראָפן און פאַראייניקט מיט אימעקן. זיי האָבן ביידע געקעמפט קעגן אומברחמנותדיקן לעבנד־גורל. זיי האָבן געקעמפט צוזאַמען 43 יאָר מיט ווירדע און מוט, ווי די גרויזאַמע ווירקלעכקייט האָט עס נאָר דערלויבט - ביז צום סוף פון זייער לעבן.

און וואָס איז געשען מיט סעסיל און זשאָרזשן? פון זשאַן־לוס בריוו ווייס איך אַז סעסיל און זשאָרזש זענען, ווי די גאַנצע משפחה, אַריבערגעקומען קיין פאַריז. זשאָרזש האָט געענדיקט זיינע מעדיצינישע לימודים, געמאַכט זיין דאָקטאָראַט, אָבער ניט געהאַט קיין מזל. ער איז אומגעקומען בעת אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, אויף די וועגן פון פראַנקרייך אין 1974. די אָרעמע סעסיל האָט נאָך געמוזט איבערלעבן דאָס דאָזיקע אומגליק אויך. זי איז געשטאָרבן אין 1987, דרייצן יאָר שפּעטער, מיט איר טאָפלטן ווייטיק אין האַרצן.

---

סוף פון זייט 9

ווערט געבענטשט צו ווערן. עס איז אַ דין אין שולחן ערוך 'שותף מה שעשה עשה', דאָס מיינט אַז אין אַ שותפות, וואָס איין שותף זאָגט צו איז עס גילטיק פאַר ביידע. דער שותף צו דיין מסחר טוט טאַקע אַזוי, טראַץ דעם וואָס דו ביסט נישט קיין שותף צו זיינע געשעפטן, דער רחמימדיקער טאַטע אין הימל טוט אַלץ לפנים משורת הדין, דאָס מיינט, מער ווי דער דין פאָדערט. יאָ, איך וויל אויך ביי דיר בעטן אַ ברכה, איך זאָל זוכה זיין צו דינען דעם אייבערשטן מיט אַזאַ תמימות ווי דו".

"רבי, מעג איך אייך עפּעס בעטן?"

"יאָ, אווראי".

"וואָס איז טעמימעס?"

"תמימות איז ערלעכע און פשוטע גאַנצקייט. מע דאַרף זיין תמימותדיק מיטן אייבערשטן און דעם אייבערשטנס וועגן זענען אויך תמימותדיק", אַזוי שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים".

משה שקליאַר

## לאָזט צורו

"בעט זיך רחמימדיק אַ קול:
לאָזט שוין לייוויקן צורו"...
ה. לייוויק.

בעט זיך רחמימדיק אַ קול:
לאָזט מיין יידיש וואָרט צורו...
איר, וואָס שפּילט פון פריינד די ראָל
און ט'פאַרטאַבליעט דעם אַמאָל -
לאָזט מיין יידיש וואָרט צורו...

איר וואָס לאָזט פון אויג אַ טרער
און פאַרשטאָפּט זיך דעם געהער
ווען עס איז אַ קלאַנג גראָד דער
פון אַ היים דאָרט ערגעצוווּ -
לאָזט מיין יידיש וואָרט צורו...

ס'וועט דאָס שטעטל זיך באַשטיין
מאַמע-לשון איין אַליין
קעגן שונאים, פאַלשע פריינד,
די פון נעכטן און פון היינט -
לאָזט שוין יידיש וואָרט צורו...

אַליין כ'וועל צערטלען עס און וואַכן,
כ'וועל עס וויגן איי-ליו-ליו,
כ'וועל עס וויינען, כ'וועל עס לאַכן -
לאָזט מיין יידיש וואָרט צורו,
לאָזט צורו - - -

## יונגע קלעזמאָרים, אַלטע ניגונים

יונגע קלעזמאָרים, אַלטע ניגונים -
די פידל, דער באַס און די פליט
ליבטיקן אויף אינעם זאַל, און פון אים
איך וואַנדער אַוועק אין דער צייט.

עס מישן זיך טענער - קלאַנגען מינאָרע,
מיט פריילעכן זבענק פון דער פויק...
היי, קלעזמער, אוי, קלעזמער, ווו זענט איר פאַרפאָרן,
כ'קאָן קוים אייך דערזען מיטן אויג.

אַוועלכער איז בערל און וועלכער איז יידל,
ווער ציט דעם סמיק און ווער בלאָזט די פליט?
אָט קומט מיר אָנטקעגן אַליין בלויז די פידל
און יידל פאַרשווינדט אין דער ווייט.

דער באַס, ווי אַ באָרד אָן פאות און פנים,
רייסט אויף מיט זיין קרעכצן די נאַכט.
איך שטרענג אָן דעם בליק, מיר דאַכט איך דערקאָן אים -
ווער האָט אים אַהערצו געבראַכט?

ס'איז נישט קיין שמחה, קיין חתונה ס'איז נישט,
אוי, יידל, אוי, בערל, וואָס טוט איר דאָ היי?
פאַרלאָשן די ליכט שוין און ליידיק דער טיש איז
בלויז עפּעס אַ ניגון פלאַטערט אין פלי...

עקיבא פישבין / ירושלים

# דער קינסטלער מאַרסעל שעטריט

כל העולם כולו הוא גשר צר מאד
והעיקר לא לפחד כלל.
ר' נחמן מבראצלאוו.

אָט, שטייען מיר בײַנאַנד מיטן קינסטלער ביי זיין טריפּטיק בשם "די ניינטע" פון בעטהאָוון. איך קוק מיט אָפענע אויגן און איך הער עפּעס באַשיימפערלעך אַ וועלט מיט פאַרביקע קלאַנגען. יאָ, בלי ספק, דער כוח פון ניגון איז דעם ייד אַריין טיף אין די ביינער. און אָט באַלד זאָגט ער צו מיר - איך וואָלט זייער געוואָלט זיין אַ מוזיקער. נו, אַ מוזיקער איז שעטריט נישט געוואָרן: געוואָרן איז ער אַ מאָלער. די קלינגענדיקע פאַרבן פון זיין יצירה אָבער - זיי זענען מגלה סוד, אַז מיט מוזיק פאַרזיווגט איז ער שוין פון לאַנג. האט האָט

ווען ער איז געוואָרן אַ בחורל מיט שכל, און טאַקע שוין אַ בלייפּעדער גענומען אין דער האַנט אַריין, און דעם קול נגינה אויך פון גרויסע מייסטער גענומען הערן, דעמאָלט איז די מיסטעריע פון מוזיקאַלישן קלאַנגצויבער אַריין אין אים, ווי אַ דיבוק! ס'האָט זיך געעפנט פאַר אים אַ וועלט מיט אַ וווּנדערלעך־לשון - אַ לשון וואָס פינקלט מיט וואָקאַבלען פון קלינגענדיקע פאַרבן.

איז ווי נאָר ער איז געוואָרן אַ מאָלער, גענומען ווערבן פלאַסטישע רעיונות, האָבן די פאַרבן ביי אים זיך געפלאָכטן קאָלירפוליק, גלייך ווי מוזיקאַלישע אַקאָרדן.

שוין אין קאַיאָר פון זיין פלאַסטישער טואונג האָט דער תוכיקער סך־הכל פון זיינס אַ בילד געטובלט אין מוזיקאַלישער עשירות פון ריטמען און פאַרביקע אינטאָנאַציעס. ובכן, האָט די תשוקה צו מוזיק אים געפירט צום אַבסטראַקטן דרך אין דער קונסט.

מיטן גאַנג פון דער צייט האָט אין פאַרוועב פון זיין אַבסטראַקטער מאָלעריי גענומען זיך אויסוויקלען אַ רמז פון אַ פיגוראַטיוון ניואַנס: דער קינסטלער האָט דאָ אפנים געוואָלט באַרייכערן די מוזיק פון זיין קונסט, און מיטן נייעם פיגוראַטיוון אַקאָרד רעליפפאַרטיקער אויסציטערן דעם אידעישן דיבור זיינעם. מען דאַרף באַטאָנען, אַז מיט די יאָרן איז ביי מאַרסעל שעטריט אויפגעקומען אַ נאָגנדיקער באַדאַרף אַ טראַכט צו טאָן וועגן ייד און מענטש; אים האָט גענומען עקבערן דער ענין פון בין אדם לחברו! ער האָט געוואָלט מיט שכל פאַרשטיין, ווי האַלט מען דאָרט אין דער וועלט, און ווו אַהין גייט זי, די וועלט.

אַוודאי האָט זיך דאָ אַריינגעמישט דער טיפער אומרו וואָס ליגט פאַרקנאָטן אין דער נשמה פון ייד אחרי חורבן השואה. ובכן, האָט אַ ברען געטאָן אין אים, און ער האָט גענומען זינגען און זאָגן אויף אַ נייעם שטייגער. מאַרסעל שעטריט האָט זיך פאַרקירעוועט אויף אַ וועג, ווו צעקלינגען האָט זיך דער קול פון זיין געוויסן. און טאַקע דער אָ וועג האָט דעם קינסטלער אַוועקגעפירט צו דער הצלחה אויף די געמאַרקן פון יאַפּאַן און מאָסקווע, ווו אַ בילד זיינס פאַרנעמט איצטער אַ בכבודיקן פּלאַץ אויף אַ וואַנט אין פּרעסטיזשפולן פּושקין־מוזיי אין דער רוסישער הויפּטשטאָט.

* * *

מאַרסעל שעטריט איז געבוירן און געכאָוועט געוואָרן אויפן פּאַריזער "פּלעצל", וואָס ליגט אין יידישלאַנד פון מערב־אייראָפּע. אין זיינע פריע קינדער־יאָרן האָט ער קיין האָניק נישט געלעקט, נאָך איידער ער האָט דעם זיסן טעם פון לעבן פאַרזוכט, האָט ער דאָס ביטערניש פון נאַציישן גיהנום דערקענט.

פון וויסטן חורבן איז דעקר קליינער מאַרסעל אַרויס יאַקאָש מיט גלייכעביינער. דערפאַר האָט אין קאָפּ ביי אים געגומען אַרבעטן: ער האָט מיט שכל געוואָלט פאַרשטיין דעם "פאַרוואָס" און "פאַרוועו" פון פינצטערן חורבן. פאַרשטיין האָט ער געוואָלט דעם "פאַרוואָס" פון דער ביטערער מערכה פון ייד.

קורץ פון דער זאַך – אים האָט אַ נעם געטאָן צו לערנען און דערקענען די וואָרצלען פון זיין שטאַם; תופס זיין דעם גייסטיקן פאַרמעג פון אונדזער פאָלק. אויף זיין היימישן פאַריזער "פּלעצל", ווו די לופט האָט "גערעדט" יידיש, איז נישט שווער געווען צו באַקומען אַ תשובה אויף אַלץ וואָס האָט געעקבערט זיין יונגן מוח. ובכן, האָט דאָס "פּלעצל" אויסגעשאַרפט ביים יינגל אַ יידישן באַוווסטזיין און אים מקרב געווען צו די יידישע ווערטן, און אַ ליבשאַפט אויך אָנגעצונדן צו דער אדמת הקודש.

ביני לבינו האָט ער פאַרענדיקט, שעטריט, די מלוכהשע קונסט־אַקאַדעמיע אין פּאַריז און אַוועקגעלאָזט זיך אויף די וועגן פון יצירה. היות ווי די ליבע צו ישראל איז ביי אים מיט די יאָרן געשטיגן, האָט ער אין איינעם אַ טאָג געגומען זיין לייטיש פאַרמעגן פון בילדער, אַוועק קיין ירושלים, און דאָרט אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן.

אין באַריר מיט די גורלדיקע פּראָבלעמען פון לאַנד, ווען די שטורעם־כוואַליעס פון ישראל־לעבן האָבן אים שוין גוט דורכגעגומען, האָט דער אידעישער טעמבער פון זיין קונסט געטאָן אַ רעד הילכיק און שאַרף מיט דיבורים היוצאים מן הלב, מחמת ער האָט נישט, מאַרסעל שעטריט, פון הוילן פאָרמאַליזם אין דער קונסט. ער איז דווקא נאָענט צום געדאַנק פון פראַנצויזישן מייסטער ראָדען, וואָס האָט געדרשנט, אַז "קונסט איז די סאַמע אצילותדיקע שליחות פון מענטש; זי איז די אויסוויר̈קונג פון מחשבה, וואָס זוכט צו פאַרשטיין די וועלט און די וועלט פאַרטייטשן, כדי זי פאַרשטיין".

מען דאַרף באַטאָנען, אַז אונדזער קינסלטער איז אַ באַזונדעראַרטיקער בעל מחשבות, וואָס קוקט און אָבסערווירט; ער טוט נאָכטראַכטן מכוח דער מערכה פון מענטש און ייד. מיטן לשון פון זיינע פּלאַסטישע וואַלאָרן פרווט ער פאַרוואַרפן אַ בריק צום צושויער און אים אַריינברענגען אין דער סביבה פון זיינע שפּירונגען – זיין בטחון און אויך אַנגסט.

אויף אַזאַ שטייגער איז אין ישראל שעטריט געוואָרן אַ קינסטלער – אַן עדות פון זיין צייט. דאָס וויל נישט, חס ושלום, זאָגן, אַז ער איז געוואָרן איינער פון יענע פּאָליטיש־אַנגאַזשירטע קינסטלער, וואָס נידערן אַראָפּ אין דער אַרענע פון לעבן און ווערן גלאַדיאַטאָרן מיטן פּענדזל... חס וחלילה! דאָס איז נישט זיין שטייגער. זיין שטייגער איז, ווי חיים זשיטלאָווסקי האָט דאָס באַנומען – ער טוט "אויסברענען און איינברענען אין אונדזער האַרצן לעבעדיק־וויבּרירנדיקע געפילן". נישט אויס פּאָליטיש־פּאַרטייאישע טעמים איז דער קינסטלער שעטריט אַנגאַזשירט אין געראַנגל פון דער צייט. דאָס טוט ער אויס זיין מאָראַלישן חוב לגבי ייד און מענטש.

בעצם, זענען די שאַפונגען פון אונדזער קינסטלער שירה בבחינת תפילה. אַ פאַרציטערטער טוט ער מתפלל זיין בנוסח פאַרביק־קלינגענדיקע פּזמונים. אמת – זיי

הילכן אָפּט מאָל מיטן טעמבער פון אַנגסט און וואָרנונג. שעטריט איז נישט אַן אויסגעקליגלטער שיינגייסט, וואָס טוט מיט אַ גרימאַס זיך אָפּקערן פון אַל דאָס בייז פונעם לעבן; ער באַזעצט זיך נישט באַקוועם אין אַ הויכן טורעם פון העלפאַנטביין - ער ברענגט דווקא אַן אָנזאָג דעם צושויער. און זיין אָנזאָג שפּאַרט זיך אָן אין דער מימרא פון בראַצלאַווער - די גאַנצע וועלט איז אַן ענגע בריק, דער עיקר אָבער איז נישט צו שרעקן זיך פאַר איר.

כדי אויסצורייפן זיינע מחשבות קומט דער קינסלטער אָן אָפּט מאָל צו דער פאַבולע פון תנ״ך: אָבער אָן אַריינצופאַלן אין דער באַנאַלקייט צו אילוסטרירן דעם תנ״ך. אין די טיפענישן פון ספר הספרים טוט שעטריט בלויז שעפּן דעם שטאָף פאַר זיינע פלאַסטישע רעיונות. און דאָ לאָמיר באַמערקן - פאַראַן אַ טבע ביים קינסטלער צו שפּינען די תנ״ך-נאַראַציע לפי זיין סוביעקטיוון איינזען.

אויף אויסצוציען דעם צושויער אַ האַנט, און אים מכוון צו זיין אין די אידעישע דרכים פון זיינע ווערק, באַקרוינט שעטריט זיינע בילדער מיט סוגעסטיווע נעמען. אַ שפּאַציר איבער דער טעמאַטיק פון זיינע בילדער דערלאַנגט דעם טעם פון זיינע נאָכטראַכטונגען. ער האַלט שטאַרק פון אַנטקעגנגיין דעם מענטש מיט אָפענע אויערן, הערן מיט שכל אים רעדן און זיך דערעדן מיט אים. חלילה נישט פאַרקריכן אין די וועגן פון בעסטיאַלן קין. ווייל דער ריסאַנאַנס-גרילץ, וואָס צעפּליקט די האַרמאָניע אין דער מענטשלעכער סביבה, עפּנט אויף וועגן, וואָס קאָנען חלילה פאַרפירן אַפילו קיין אוישוויץ. ובכן, איז שעטריט אַ חסיד פון טאָלעראַנץ און געדולד בין אדם לחברו.

ס׳איז אינטערעסאַנט צו וואַרפן אַ בליק אויף זיין שאַפונג דווקא פון די לעצטע יאָרן. אין די לעצטע יאָרן מאָלט שעטריט זינגענדיקע תפילות פאַר שלום; תפילות, אַז עולה זיין זאָלן די בני־אדם צו די הייכן פון אַ צונויפּרעד.

אָט, נעמט אַ שטייגער די צוויי פאַנעלן מיטן נאָמען ״די ראָזיקע און די אַנדערע״. דער ערשטער פאַנעל פורעמט צוויי אַנטקעגן געשטעלטע מענטשן־מאַסן. אַ העל־בלויע מאַסע פון רמזמדיק־שקיצירטע מענטשלעכע געשטאַלטן איז גרייט איבערצוטרעטן די גרענעץ און דערלאַנגען אַ האַנט אַ צווייטער מענטשן־מאַסע אין ראָזיקן טאָן באַהאַנדלט. דאָ, אין דעם ראָזיקן פאַנעל, זוכן אַנדערשטיקע צוויי פאַרבן־וועלטן אַ פּרווו צו אַ צונויפטרעף; און ווערן, ווערט דאָס טאַקע, אין צווייטן פאַנעל, אַ געבענטשטער צוזאַמענלעב, עלעהיי אַ הימל־בלויאיקע האַרמאָניע. די רמזמנדיק אָנגעוואָרפענע געשטאַלטן טונקען אין צווייטן פאַנעל אין אַן אַטמאָספער פון אַ וווּנדערלעכן בלוי, וואָס איז עפּעס אַזוי הימלעך מאָדולירט.

אַן ענלעכער קלימאַט פאַנעוועט אין אַנדערע צוויי פאַנעלן, וואָס דער קינסטלער רופט מיטן נאָמען - ״דיאַלאָג״, די פאַרבן־טאָנאַליטעט און די קאָמפּאָזיציאָנעלע מיזאַנסצען איז בלויז אַן אַנדערע. דער עיקר בלייבט דאָ דאָמינירנדיק דעם קינסטלערס חלום - דערגרייכן דעם מענטשלעכן איבערבעט!

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז די געבורט־שיין פון די פיר ווערק פאַלט אויס אויף די יאָרן 1992-3. קאָן מען זיך דאָ משער זיין, אַז דער קינסטלער, דער אַקטיווער עדות פון זיין צייט, איז געוואָרן באַוווירקט פון די שלום־ווינטעלעך, וואָס האָבן גענומען בלאָזן אין זיין נייער אכסניה, ווו ס׳נעסטיקן באַזונדערע צוויי מענטשן־מחנות, צעריסענע און צעפּליקטע.

טשיקאַווע איז ביז גאָר, ווי פילבאַר דער קינסטלער איז אין זיינע רעאַגירונגען. אָט,

נעמט: - די האָפנונג פון אַ צונויפֿרעד אויף דער אדמת הקודש געבוירט ביי אים האָפּערדיקע יצירות. למשל - אין איינעם פון די בילדער מיטן נאָמען "דיאַלאָג" הערשט אַ קלאָרע אָפּטימיסטישע אַטמאָספער; שעטריט לאָזט זיך דאָ ("דיאַלאָג 1") לייטיש ווילגיין! די פּאַלעטע זיינע דערלאַנגט דאָ זינגענדיקע קלאַנגען, אַן עקספלאָזיע פון פרייד טוט פאַרפלייצן דאָס בילד. משמעות, אַז אויף שעטריטס גאַס איז היינט יום־טוב!

און דאָך; אין "דיאַלאָג", בלויז פריער אַ יאָר געמאָלן (1991) שפּירט זיך אַ קלאַנג פון אַנגסט: געוואַלד! וועט קומען טאַקע צו אַ בריקאויפשטעל? גאָט איינער - נאָר קיין מכשיל זאָל חלילה נישט זיין.

אין דער יצירה פּאַנוועט שוין אַ שטימונג פון אַ פּרעגצייכן. די העלע ליכט, וואָס קומט פון למעלה, פּרוּווט אַריינדרינגען אין דער טונקלקייט פון למטה דאָרט, ווו אַ לייכט שקיצירטער בן־אדם ליגט אויף דער ערד אין דערוואַרטונג. די ליכט אָבער קאָן עפּעס נישט צעפּליקן דעם חושך פון למטה: ס'מערקן זיך נאָך אַלץ סימנים פון פאַרגאָסן בלוט. דער פרעגצייכן, דאָס נאָגעניש פון אַנגסט און פּחד איז דאָ בולט אין שידוך פון די פאַרבן, ווי אויך אין פּלאַסטישן פאַרטראַכט.

און דאָך - אַפילו ווען ס'גיט אַ קלינג אַ מאָל אַ פּעסימיסטישער אַקאָרד, אין די פיר יצירות פון 1992-93, געדויערט זיין וויבראַציע נישט לאַנג. ביי מאַרסעל שעטריט האָט דאָס אַ פּנים ווי אין דער נגינה פון זיין באַליבטן מייסטער בעטהאָוון. אָט דריקט דאָס געמיט אַ שאָטן פון צווייפל, אַ שטימונג פון דעפּרעסיע צעפרעסט די נשמה, אָבער - נישקשה, באַלד וועלן די בעטהאָוון חצוצרות נעמען טרייבן די פינצטערע כמאַרעס און אַ הילך וועט טאָן דער שופר פון דער "ניינטע" - "אַלע מענטשן ווערן ברידער!"

דער מאָלער שעטריט האָט נאָר וואָס טאַקע פאַרענדיקט אַ טריפּטיק בשם "כבוד דער "ניינטער" פון בעטהאָוון". דאָס האָט ער וואַרשיינלעך געשאַפן, כדי צו סאַלוטירן דעם שלום, וואָס נעמט זיך אויספּיקן אויף דער הייליקער ערד. ובכן, מיט דער הילף פון שאָפען־און שובערט־נגינה (פאַראַן פון דעם פּעריאָד בילדער "כבוד פאַר שאָפען" און "כבוד פאַר שובערט") זינגט דער מאָלער העל־ליכטיקע הללויה'ס. אַ לויטער זוניקן הימן זינגט ער לכבוד דער קעגנזייטיקער מחילה.

אָבער - ווײַ - וויפל ליידן מאָראַלישע האָט דער קינסטלער דורכגשפּאַנט ביז ער איז דערגאַנגען צו די אויסגעבענקטע הללויה'ס, געזונגען מיט פאַרבן פון פרייד און גליק. זיין שאַפונג פון די יאָרן 1990 און 1991, בשעת אומשולדיק בלוט טוט באַפלעקן די גאַסן פון דער פאַרהייליקטער ערד, איז איין ריזיקער אויפטרייסל; ספּאָנטאַנע אויסברוכן פון פּחד, פון פאַראַליזירנדיקן אַנגסט, לייגן דעם חותם אויף זיין יצירה: אַ שטייגער בילדער אַזעלכע, ווי "עקדת יצחק" (1990), אָדער "דער אָפּגעשוונדענער מענטש" (1991). דאָ דאָמינירט אַ פאַרוויקל פון חושכדיקע פאַרבן, הגם ווו־נישט־ווו כאַפּט זיך אַריין אַ שיין פון ליכט - כמשמע, אפשר דאָך וועט אַ מלאך דעם בן־אדם פון היינט ראַטעווען פון דעם עקדה־מעסער... צו שוואַך זענען אָבער די שטראַלן פון ליכט, זיי זאָלן צערייסן דאָס חושכדיקע געוועב פון גרויל. דער אָ גרויל הערטש אויך אין בילד "די נאַקעטע פרוי" (1990) געמאָלן אין אַ גליווערדיקן בלוט־קאָליר.

אַזוי אָט וויקלען זיך, אין דער קונסט פון מאַרסעל שעטריט, אַנגסט און האָפנונג. אים קימערט, אָן אויפהער, די אומגערעכטיקייט וואָס סמט אָפּ די האַרמאָניע אין דער מענטשן־סביבה. זיין שאַפונג וואָרנט פאַר געפערלעכע אויפטרייסלונגען, וואָס קענען ברענגען צו אַ פינצטערער נאַכט. ער מאָלט די "פאַרטרייבונג פון הגר", ער מאָלט דעם

פּרץ מיראַנסקי / טאָראָנטאָ

## כ׳זוך*

כ׳זוך נאָך אַלץ די רייד, די טייטשן,
פון מיין אייגענעם געביין,
וויפל מאָל כ׳האָב זיך באַנייט שוין
און אַ סוד כ׳בין זיך אַליין.

וואָלט איך גאָט דיין קנעבט געוואָרן
און זיך אין דיין ליכט צעהעלט
און אין בלוי פון די קאַיאָרן
ווי אַ פויגל זיך צעטרעלט.

פאַראַן אין מענטש אַזוינע שפּאַלטן
ווו זיין זין דערגרייכט נאָך ניט,
דאָרטן ליגן נאָך באַהאַלטן
אַלע ריסן פון געמיט.

נאָר עס רויטלען זיך די ווייטן
אין דער שקיעה פון פאַרגיין
און איך קאָן נאָך ניט פאַרטייטשן
גאָר דעם זיין פון זיך אַליין.

מענטשן לשון איז צו אָרעם
צו פאַרטייטשן יעדן שפּאַן
וואָלט איך קאָנען אין די זמרים
אויסזינגען דאָס וואָס כ׳אַן

ווערטער זוך איך, אַלע ווערטער
אָנגעשעפּטע טיף אין זיך
איך זאָל קאָנען אַ פאַרטרערטער
אויסזינגען מיין גאַנצן איך.

---

* פון זיין ליטעראַרישן עזבון

---

"מבול", וואָס פאַרשווענקט די מענטשלעכע געזעלשאַפט מיט איר ציוויליזאַציע ביינאַנד. דווקא אין "מבול", אַ טריפּטיק אין ווערטיקאַלן אויסמעסט, גיט אַ קלינג אַ זוניקע הבטחה, אַז די וועלט וועט נאָך ווערן אַ לייט... מאַרסעל שעטריט האָט צום מענטש צוטרוי. זאָגן אָבער, אַז ער איז אַ בעל־בטחון אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט, וואָלט געווען אַ קאַפּיטשקע איבערגעטריבן, ווייל אין זיין אָפּטימיזם דרינגען אַריין שפּאָרע טראָפּנס פון צווייפל און זאָרג.

בסופו של דבר קומט אויס צו זאָגן - דער קינסטלער מאַרסעל שעטריט ווייסט געווי, אַז די גאַנצע וועלט איז, ווי ס׳זאָגט ר׳ נחמן, אַ שמאָלע בריק. און דאָך מוז מען שפּאַנען אויף איר כדי אָנצוקומען צום ציל. ווייל, ווי האָט געזאָגט ר׳מענדעלע קאָצקער (לפי ד״ר העשיל קלעפּפיש): - "אינעם בלויזן מאַטערן זיך איז דאָ דערגרייכונג. אינעם זוכן איז פאַראַן דאָס געפינען".

מאַרסעל שעטריטס ווערק, אַ דורכויס מאָדערנע יצירה, דערלאַנגט אונדז, מיט פאַרביק־קלינגענדיקע בילדער, אַ הויך מענטשלעכן אָנזאָג. הלוואי זאָל ער געפינען אַן אָפּקלאַנג אין אונדזער סביבה.

פּיניע פּלאָטקין

## שניי און זון

ס'איז גוט מיט אַ פּעלץ זיך
באַזאָרגן
ווען שניי אויפֿן פֿעלד איז ניט
ווייניק.
אין יום־טובֿ פֿון אָט דעם
פֿרימאָרגן
די זון האָט זיך ווידער
באַטייליקט.

און מיר האָבן לאַנגזאַם
געטראָטן,
געזאַמלט, ווי קווייטעלעך
בונטע,
דעם זילבער, וואָס זי האָט
געשאָטן
אויף אונדזערע פּלייצעס
געזונטע.

## דערמאָנונג

דאָס שטאַלעכל, דריי קלאַפּטער
אין דער ערד,
האָט זיך פֿאַרהיט נאָך פֿון די
אַלטע צייטן.
אַ מאָל איז דאָ אַ באַלעגאָלעס
פֿערד
געשטאַנען פֿאַר אַ נייעם וועג אַ
ווייטן.

באַגינען פֿלעג דאָס פֿערדל
טרינקען גיין,
דערנאָך מיט שווערער אַרבעט
זיך פֿאַרנעמען.
ביז איצט געפֿינט מען דאָרטן
שטרוי און היי,
אַ בייטש, אַ שטעקל און אַ
פּוסטן עמער.

## זשוראַוו

אויף אַ בוים אַן אַלטן אַ זשוראַוו אַ ווייסער
נאָענט, ווו די באַלקע, אינדערפֿרי באַווייזט זיך.
אינדערפֿרי באַווייזט זיך און בלייבט שטיין פֿון ציטער,
ווו די ערד ביז היינט איז עלנט, קראַנק און ביטער.
עלנט, קראַנק און ביטער, קאָן צו זיך ניט קומען
ווי נאָך אַ געוויטער, ווי נאָך אַ מהומה.
הייסע שטיינער קנאַלן, ווי אין וואַלד, ניט שטיל איז -
מיינע קרובֿים אַלע האָט דער פֿיינט פֿאַרטיליקט -
צוגעבאַפּט מיין אייגנס ווי אַ גזלן, מיעס...
אוי, זשוראַוו, מיין פֿויגל, אָפּטער קום צופֿליען.
קום צופֿליען, ברודער, דו ביסט זייער נייטיק,
ווען אין האַרצן רודערט, ווען ס'איז גרויס דער ווייטיק.
אַפּריל 1996

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# ייִדיש־חסידיש
# און קולטור־ייִדישקייט

1

אין גערא͏ַנגל פאַרן קיום פון ייִדיש לשון נאָכן פּאַרלענד פון מזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום באַנאַנד מיט זיינע טיפּע פונדאַמענטן און שאַפערישע קוואַלן פון פאָלקלאָר, אמונה און וועלטלעכער ייִדישער קולטור, זענען היינט נאָך געבליבן צוויי גרופּעס וואָס זענען עמאָציאָנעל אינטערעסירט איפצוהאַלטן דאָס לשון פון אונדזער אומגעקומען פאָלק: די ערשטע גרופּע איז די עקסטרעם־אָרטאָדאָקסישע חסידישע וועלט, וואָס איז ממשיך די גאָלדענע קייט פון די רבישע דינאַסטיעס פון אַמאָליקן פוילן, גאַליציע, אוקראַינע, רומעניע און אונגאַרן. די צווייטע גרופּע איז דער סעקולערער סעקטאָר פון דער ייִדיש־שאַפערישער קולטור, פאָלקלאָר און ליטעראַטור, וואָס נעמט אַרום דעם געטרייען איבערבלייב און דעם ייִנגערן דור וואָס וויל זיך אידענטיפיצירן מיט זיין ייִדיש־רעדנדיקן שטאָם און דויערנדיקע ווערטן, אויסגעדריקטע אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

פאַר דער חסידישער וועלט איז ייִדיש די טעגלעכע שפּראַך פון משפחה־לעבן, מנהגים, טראַדיציע און לערנען. איר איז אייגן אויך די לאַנד־שפּראַך, אָבער זי גרענעצט זיך אָפּ פון יענער קולטור און אירע סעקולערע אידעאָלאָגיעס. די פרומע וועלט האַלט פאַר שעדלעך די היינטיקע ציוויליזאַציע, אירע פילאָזאָפיעס און מאָראַל. זיי גלויבן אַז די תורה, תנ״ך, תלמוד, מפרשים זענען כולל אַלע וויסנשאַפטן. אין חדש תחת השמש.

דער עיקר איז דאָס לערנען תורה. אָבער אָן ייִדיש האָט דאָס לערנען נישט קיין ייִדישן טעם. ייִדיש איז די שפּראַך פון אמונה, פון בעל שם און זיינע תלמידים; פון די רבישע הייף, שטיבלעך און קלויזן. העברעיש איז לשון קודש אָבער ייִדיש איז היינט דאָס לשון פון די קדושים.

דאָס איז אויך אונדזער קאָנצעפּציע. מיר גלויבן אויך, אַז ייִדיש איז געווען אַ באַריערע קעגן אַסימילאַציע און נאָכן חורבן איז דאָס איבעררייסן מיט אונדזער פאָלקס לשון אַ באַליידיקונג פאַר די אומגעקומענע קדושים. דאָס שעמען זיך מיט מאַמע־לשון איז אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס. ייִדיש איז אַ מאָדערנע שפּראַך מיט גראַמאַטישע און אָרטאָגראַפישע כללים; אַ שפּראַך פון אָנגעזאַמלטער פאָלקס־חכמה, פאָלקס־לידער און אַ הויך אַנטוויקלטע ליטעראַטור פון פּאָעזיע, בעלעטריסטיק און מחשבה.

די ייִדיש קולטור־שפּראַך איז נישט קעגנעריש צו עברית און נישט חלילה אפּיקורסיש. ערב חורבן איז ייִדיש געווען דאָס לשון פון וועלטלעכע און פרומע, פון פאָלקס מענטש און אינטעליגענט, פון חסידישן רבין און מתנגדישן מגיד פון מאַרק, גאַס, שבת און יום טוב; ליטעראַטור, טעאַטער, ברחן; וויגל־ליד, ליבע־בריוו, צייטונג און מעשה־ביכל; לערנער, סוחר און אַרבעטער. ייִדיש איז געווען אַן אמתע נאַציאָנאַלע פאָלקס־שפּראַך.

מיט דער טעמע חסידיזם האָבן מיר זיך באַגעגנט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. אַ רייכע ליטעראַטור האָט זיך ביז היינט אָנגעזאַמלט וועגן דער געשיכטע און השקפה פון חסידיזם; דער געראַנגל מיט דער השכלה, די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אָפּשאַצונגען; ספרים וועגן די רבישע דינאַסטיעס, זייערע דרכים און איינפלוסן. דר. אברהם יהושע

העשעל האָט אין יידיש געשריבן צוויי בענד וועגן "קאָצק". הלל צייטלין האָט געשריבן וועגן ר' נחמן בראַסלאַווער, דר. קלעפּפיש האָט געהאַט אין "קעמפּער" עסייען וועגן רבישע גדולים און זייערע השקפות; האָראָדעצקי, בערדישעווסקי, מאַרטין בובער, עלי וויזעל און פיל אַנדערע מחברים, סיי מאָדערנע - סיי רעליגיעזע האָבן איבערגעלאָזט אַ רייכע ירושה, שוין אָפּגערעדט פון אונדזער קינסטלערישער ליטעראַטור, פון פּרץ, אהרן צייטלין, עגנון, אַנ־סקיס "דיבוק" און פיל אַנדערע שרייבערס, וואָס האָבן געשריבן וועגן חסידיזם אין פאַרשידענע שפּראַכן, אָבער מערסטן אין יידיש.

ביזן אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן צוויי קעגנערישע כוחות באַווירקט דאָס יידיש גייסטיקע לעבן. די השכלה און דער חסידיזם. די השכלה האָט באַווירקט דעם אויפשטייג פון דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור און די חובבי־ציון באַוועגונג, אָבער מיטן אַנטי־יידישיזם האָבן די משכילים זיך דערווייטערט פון פאָלק, דערגאַנגען צו אַסימילאַציע און זייערע קינדער אָפּט צו שמד. דער חסידיזם איז געווען אַ פאָלקס - באַוועגונג מיט יידיש ווי אַ גערעדטע שפּראַך, נאָר מיט זיין עקסטרעמקייט לעבט ער ביז היינט אין זיין באַגרענעצטער וועלט.

ס'איז אויך אויפגעקומען אַ דריטער כח אין יידישן לעבן מיטן געבורט און אַנטוויקלונג פון די פאָלקס־פּאַרטייען: בונד, פּועלי ציון, טעריטאָריאַליסטן און פאָלקיסטן, וואָס יידיש איז נישט נאָר געווען זייער רעד־שפּראַך, נאָר אויך זייער קולטור־שפּראַך, דאָס לשון פון אַ וווּנדערלעכער ליטעראַטור.

הגם מיר זענען מחולק מיט דער מיינונג פון די פרומע אַז די יידישע קולטור און ליטעראַטור האָבן נישט צו טאָן מיט יידישקייט, געפינען מיר אַ זכות אין זייער וואָרעמער באַציונג צו אונדזער מאַמע־לשון. מיט דער טעמע יידיש־חסידיש זענען מיר אויסן אַרויסצוהייבן די שטעלונג און פאַרבינדונג פון חסידיש מיט יידיש.

2

צוויי פאַלן האָבן מיך באַווירקט צו שרייבן אויף דער אויבנדערמאָנטער טעמע. 1. אַ פּלימעניצע פון ישראל האָט מיר געשיקט אַ זאַמלונג יידישע פאָלקסווערטלעך מיטן העברעישן ביאור און געבעטן מיך צו קאָרעגירן די אָרטאָגראַפיע און גראַמאַטיק. זי איז פון אַ חסידיש־לומדיש הויז און טראַכט די אַרבעט אַרויסצוגעבן און בוך־פאָרעם. 2. מיינער אַ פרום־חסידישער פּלימעניק פון ירושלים, אַן אייניקל פון מיין ברודער, האָט מיר געשיקט פיר מאמרים וועגן יידיש לשון, וואָס זענען געדרוקט געווען לעצטנס אין דער העברעישער צייטונג "המודיע", אַן אויסגאַבע פון אגודת ישראל. געשריבן זענען די אַרבעטן אין המשכים אויף אַכט פולע זייטן. דער חשובער מחבר ר' נתן קוטלר (קאָטלער) האָט מיך באַאייינדרוקט מיט זיין פאָרשעריש־פּעדאַגאָגישן צוגאַנג און ליבשאַפט צו מאַמע־לשון ווי אַן אינטימע אייגנאַרטיקע פאָלקס־שפּראַך וואָס איז געווען אַ געטרייע באַהיטערין קעגן אַסימילאַציע בכלל און וואָס האָט באַגלייט דעם ערלעכן ייד אַלע טעג פון זיין לעבן.

יידיש, זאָגט דער מחבר, רעדט זיך אַליין. די ווערטער קומען אַרויס גלייך פון דער נשמה. אַ האָניק־זיסקייט איז אין יידיש פאַרבאָרגן, פול מיט לעבנס חכמה, מיט פרומע אויסדרוקן ווי - באַהיט און באַשערעמט זאָל מען ווערן; ס'זאָל זיין פאַר אַן אָפּקומעניש, מ'טאָר נישט זינדיקן מיט די רייד; און ס'קומען אַלערליי אויסדרוקן פון אַ יידיש קינדס לעבן פון חדר, פון ישיבה: "זאָגט דער הייליקער תנא פון דער משנה אַ דין" ; דאָס

לערנען מיט יידיש קומט מיט אַ האַרציקן ניגון.

דער מחבר, וואָס שרייבט די אינטערעסאַנטע אַרבעט אין אַ געשמאַקן העברעיש, ברענגט אַ שלל מיט מוסטערן פון יידישער אידיאָמאַטיק וואָס איז אַריינגעוועבט אין דער העברעישער שפּראַך:

זיך נעמען צום האַרצן - לקחת ללב; סע טויג אויף כפּרות - שווה לכפּרות; כאַפּן אַ דרימל - לחטוף תנומה; זיך האַקן קאָפּ אין וואַנט - להכות הראש בקיר; לופט־געשעפטן - עסקי־אוויר און נאָך אַנדערע ווערטלעך ווי - טאַפּן אַ וואַנט, נישט דאָ געדאַכט, מיטן פּוטער אַראָפּ. און ווערטער מיט יידישע וואָרצלען, ווי לפרגין - פאַרגינען, מברש באַרשט. ער דערקלערט די אויסדרוקן און ווערטער וואָס דער מאָדערנער העברעיש האָט אַראָפּטירט פון גלותדיקן ייִד, וועלכער האָט עולה געווען אין לאַנד פון די אבות. דער מחבר שרייבט, אַז יידיש איז אַ פּראָדוקט פון טויזנט יאָר; רייך אין ווערטער און דערהויבן אין אויסדרוקן, אַ שפּראַך פאַרקנאַפּט אין יהדות. און ס'וואָלט געווען אַ שאָד, אַז דאָס לשון זאָל פאַרשווינדן חלילה פון אונדז, פון אונדזערע קינדער און קינדס קינדער.

ר' נתן קוטלר גיט איבער אַ קורצן היסטאָרישן איבערבליק פון דער יידישער שפּראַך וואָס האָט זיך אָנגעהויבן טויזנט יאָר צוריק, ווען יידן האָבן זיך באַזעצט אין צפון־מזרח פון פראַנקרייך אין יאָר ד' תשמ"ח.

שוין דעמאָלט האָבן יידן גערעדט טייטש (נישט דייטש), וואָס איז געווען אַ געמיש פון דייטש און העברעיש און אַ ביסל געבראַכט פון שפּאַניש. איטאַליעניש און אַנדערע לענדער פון וואַנען זיי זענען געקומען. ביז רש"י, אין די צייטן פון די חכמי לותיר, (לאָטרינגען) האָבן יידן גערעדט יידיש אין דער זאַנע וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דייטשלאַנד. רש"י באַניצט יידישע ווערטער אין זיינע דערקלערונגען ווי רייטוואַגאַ פון רייטוואָגן, מאַנטל, ציביש... פון ציבל. יידיש האָט זיך מער אַנטוויקלט אין בעמען (באָהעמיע) טשעכן, פוילן אין מזרח־אייראָפּע וווּ די שפּראַך האָט אַראָפּטירט סלאַווישע עלעמענטן. עברי טייטש איז שוין געניצט געוואָרן פאַר דער דערפינדונג פון דרוק. יידישע ווערטער שטאַמען פון פראַנצויזיש, רוסיש, פויליש: קאַלעמוטנע, בלאָנדזשען, זיך מוטשן א.א.וו. פון אַלטדייטש זענען געבליבן אַזעלכע פּאָפּולערע ווערטער וואָס ווערן נישט געניצט אין היינטיקן דייטש, ווי - איידעם שווער, וואָס מען קען זיי געפינען אין דער אַלט־דייטשער ליטעראַטור. דער מחבר דערמאָנט די פריע תקופות וועגן שירים אין יידיש, וואָס האָבן זיך אָפּגעהיט ביז היינט. פאַר די לייענער פון "המודיע" זענען די אינפאָרמאַציעס ממש טשיקאַווע חידושים. כמעט יעדער מאמר פאַרנעמט זיך מיט דערקלערן ווי צו רעדן אַ קאָרעקטן יידיש. פאַרשטייט זיך, אַז דער מחבר האָט אין זינען דעם ישראלדיקן העברעיש־רעדער וואָס וויל לערנען יידיש.

דער מחבר ווייזט אָן, אַז יידיש איז נישט קיין הפקר־לשון, וואָס יעדער מעג שרייבן לויט זיין אייגענעם איינזען. יידיש האָט אַ גראַמאַטיק און אַן אָרטאָגראַפיע מיט פּרעציזע כּללים. העברעיזמען דאַרפן געשריבן ווערן אין דעם העברעישן כתב אָבער געלייענט און גערעדט אין יידיש. קרישמע - קריאת שמע, שימענעסרע - שמונה עשרי, יאָנטעף - יום־טוב. פאַראַן אויך יידיש־העברעישע פאַרבינדונגען ווי אויסחשבנען, פאַרמסרן, חשובער, שבתדיק, מוראדיק, וכדומה.

אינטערעסאַנט איז דער איינפלוס פון דיאַלעקט, ווי די ירושלימער שפּראַך, ענגליש־יידיש, העברעיש־יידיש און אַ נישט־קאָרעקטער יידיש. אַ נייער

יידיש־רעדנדיקער עולה אָדער ענגליש־רעדנדיקער וועט זאָגן "עברית קשה שפה" און פאַרקערט וועט דער צברע זאָגן איך וויס יידיש", "די כותל", "די מענטש", "אַ שיינע מאמר" אָנשטאָט אַ שיינער מאמר.

נאַר - איז אַ דייטשיש וואָרט, דאָך קומט דער פּלוראַל פון וואָרט מיטן העברעישן - ים. נאַראָנים, (און קיסריים, דאָקטוירים, פּויערים). אינטערעסאַנט, אַז דאָס וואָרט שיקסע קומט אויך פון אַלט דייטש "שיקסל" וואָס מיינט אַ יונג מיידל.

חוץ אונדזערע באַקאַנטע מזרח־אייראָפּעישע דיאַלעקטן לויט לענדער און קאַנטן, ווי דער פּוילישער יידיש, גאַליציע, וואָלין, אונגאַרן, רומעניע, ליטע, איז ביי דעם מחבר די כלל־איינטיילונג אויף חסידישער יידיש (ווּוס, דוּס, אינצאָמערנישט א.א.) און דער ליטווישער יידיש (וואָס, דאָס) די קאָפּ, דער ייִנגל, וכדומה.

דער מחבר ווייסט וועגן חובבי יידיש און וועגן אַ יידישער קולטור; וועגן פאָלקס־מענטש און מאָדערנע יידישע שרייבערס, עסעיסטן דערציילער און פּאָעטן ווי אויך יידישע זשורנאַליסטן; ער ווייסט וועגן קולטור־מענטשן, וואָס פאַרברענגען אין קלובן, קאָנצערטן, טעאַטער; ער דערמאָנט וועגן יידיש אין די אוניווערסיטעטן פון דער גרויסער וועלט, פון ירושלים, אָקספאָרד, קאָלאָמביאַ און אַנדערע אַקאַדעמיעס, וואָס לערנען יידיש און יידישע ליטעראַטור און, ווי דערמאָנט פריער, האָבן די חובבי יידיש, לויט דעם שרייבער, נישט קיין שיכות מיט "יידישקייט". זענען מיר נישט אויסן צו דיסקוטירן מיטן מחבר וועגן מהות פון יידישקייט. ער ווייסט מסתמא, אַז נישט נאָר ליטעראַטור, פּאָעזיע, דראַמע, נאָר אַפילו דיקדוק איז ביי די חסידים געווען פאַררעכנט ווי טריפה־פּסול. פון דעסטוועגן איז דאָס זאָרגן זיך וועגן טייער האַלטן מאַמע־לשון פאַר זיך אַליין אַ מדרגה. ער איז ממשיך אונדזערע קלוגע ווערטלעך און אויסטייטשונגען פון רביים, מחברים פון ספרים, וואָס האָבן געשריבן זייערע חידושים און געדאַנקען אין העברעיש לויט יידישע אויסדרוקן. און וועגן העברעישן סלענג וואָס שאַפט זיך פון יידישער איבערזעצונג: על באמת - אויף אן אמת; אני צריך זאת על עשר כפרות - איך דאַרף עס אויף צען כפּרות; זה לא בוער - דאָס ברענט ניט; לתת להבין - געבן צו פאַרשטיין; העיקר הבריאות - אַבי געזונט.

דער מחבר ווייזט אָן אויפן אונטערשייד צווישן דער רעד־שפּראַך און געשריבענער פּובליציסטיק, ווו די שרייבערס ניצן דייטשמעריזמען אָן שום יידישן טעם. ער פאַרגלייכט דעם ישראלדיקן סלענג מיטן ענגלישן פּליינעם יידיש. ברענגענדיק אַלייערליי מוסטערן. אַ ספּעציעל קאַפּיטל איז געווידמעט דעם ירושלימער יידיש, ירושלים איז דאָך פון קדמונים די שטאָט פון די חרדים וואָס יידיש איז גערעדט געוואָרן אין גאַס, אין הויף, אין די הייזער און אין די מוסדות החינוך, (חדרים און ישיבות). אין ירושלים האָבן געוווינט יידן פון פאַרשידענע לענדער, דערפאַר האָט יידיש אַראָפּטירט אויך טערקישע, אַראַבישע און שפּאַנישע ווערטער. "כאַלאַטן" וואָס חסידים טראָגן איז אַ טערקיש וואָרט. "זעטונעס" זיטון - אַראַביש - (זיתים־איילבירטן - העברעיש) אויפן קאַפּטאַן האָט מען אָנגעטאָן אַ "דזשובע" און אַ סעדריע (אַראַביש) אַ מין וועסטל מיט אַ בוזעמקעשענע פאַר אַ זייגער. דער טויער פון הויף איז געווען פאַרריגלט אויף אַ "גאַנדזשע" (גאַנצ'ו - שפּאַניש) אַ ריגל. וואַסער האָט מען געבראַכט אין קובאַלאַך; געגעסן האָט מען אַ מייצקע ברויט מיט "שירעס" (סירעג - אַראַביש) און אַ סאַלאַטקעלע.

אין ירושלים האָבן די חסידים געוווינט אין זייערע באַזונדערע הייף - חצרים אָדער

הייזער. קאַרלינער חצר (הויף), וואַרשעווער חצר, תימנער הייזער, מונקאַטשער הייזער, אונגערישע הייזער און אַנדערע. ד.ר. מרדכי קאָסאָווער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן אַראַבישע ווערטער אין יידיש. דער ירושלימער יידיש איז היינט אונדזער יידיש פון מזרח־אייראָפּע, געניצט פון די חסידים און יידישיסטן. פאַראַן אַ שלל מיט קלוגע אויסטייטשונגען, פאָלקלאָריסטישע יידישע ווערטלעך אין שיכות פון יידיש־העברעיש: שטעקן - שתי עקן, פּאַנטאָפל - פּן תפול; הייראַטן - הרי את.

אַ שניידער דערקלערט דעם לערנער און תלמיד חכם מיט וואָס זיי זענען אַנדערש. ריין מלמד האָט דיך געלערנט, אַז שני איז צוויי און מיין מלמד האָט מיך געלערנט אַז שני איז גאָר דריי, שניידעריי. דער מחבר ברענגט אָפּט אַריין אין די מאמרים חסידישע ווערטלעך און אַנעגדאָטן. אַ פרומער יונגערמאַן, חסידיש געקליידט, האָט עולה געווען קיין ישראל און אויך דאָרט, אין ירושלים אָפּגעהיט פרומקייט... אָבער ער איז אויך געוואָרן אַ פייערדיקער ציוניסט און מיט דער צייט געענדערט זיין לבוש, יאָרן שפּעטער קומט ער קיין ניו־יאָרק און באַגעגנט זיך מיטן רבין. דער רבי האָט אים קוים דערקענט: אָ, דאָס איז ער טאַקע זיין אַמאָליקער חסיד, לייזער, אַזוי אייראָפּעיש, אַזוי ראַטשיש געקליידט! מיט דיר לייזער, זאָגט דער רבי מיט אַ שמייכל. איז מקויים געוואָרן דער פסוק ובא לציון גואל. אַז לייזער איז געקומען קיין ציון איז ער געוואָרן "אויס־לייזער" (אויסלייזער־גואל).

אין פערטן און לעצטן מאמר באַדויערט דער שרייבער וואָס סע ווערט אַ תל פון אונדזער שיינעם יידיש אין מויל פון יונגן חסידישן דור וואָס רעכנט זיך נישט מיט כללים און זיי איבערזעצן פון עברית בוא לסבא - קום צו זיידע, זאָג פאַר דער רבי, איך וועל דערציילן פאַר טאַטע א.א. פאַר דעם יונגן דור זענען פרעמד אונדזערע טייערע ווערטלעך ווי "אויף גאָטס באַראָט" "זיך אָפּצאָלן אין פריידן" וכדומה. ער דערמאָנט דעם יידיש פון די ניי־געקומענע רוסישע עולים וואָס האָבן זיך שוין "איינגעסטרויעט אין קוואַרטירן און קריגן שוין בריוו פון אַ ברודער, אַ שוועסטער, וואָס בעטן צו פאַלוטשען אַ טרעבאָוואַניע צו קענען קומען מיט דער גאַנצער סימייסטווע קיין פאַלעסטינע".

דער שרייבער ווייזט אָן אויף דער וויכטיקייט צו לערנען אַ קאָרעקטן יידיש.

***

אין דעם מאמר וועגן יידיש און יידישקייט שרייבט נתן קוטלר אַז יידיש איז אין אַ סכנה און הגם זי אַליין איז נישט הייליק איז זי אָבער בבחינת תשמישי קדושה פון דער ערשטער מדרגה. יידיש לשון איז נישט נאָר די שפּראַך פון חומש־טייטש און צאנה וראה, אירע ווערטער זענען פאַרקנאָטן אין הייליקע ספרים פון רמ"א. מהרש"א, ווילנער גאון שבחי בעל שם טוב, מעזריטשער מגיד, ר' נחמן בראַסלאַווער; יידיש איז די זינגענדיקע־זאָגנדיקע שפּראַך פון מגידים, חסידיזם, מתנגדים און אויב זי אַליין איז נישט קיין לשון קודש איז עס דאָס לשון פון קדושים, וואָס מיליאָנען זענען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן מיט געשרייען מאַמע, טאַטע, מיין קינד, געוואַלד, רבונו של עולם האָב רחמנות. דער מחבר גיט איבער וואָס רבנים האָבן געזאָגט און געשריבן וועגן יידיש. הרב לעווין זאָגט, אַז נאָך דער שואה האָט זיך אויפגעוועקט אַ נאָסטאַלגיע און בענקשאַפט צו דער מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט און יידיש וואָס גראָד די "כופרים" האַלטן אָן איר קיום. הרב סילווער שרייבט: יידיש איז מיר ליב און טייער. אין יעדן וואָרט, אין יעדן אויסדרוק דערקען איך דעם יידישן כאַראַקטער, אונדזער היסטאָרישע אינטימקייט, חכמה און הומאָר. די שפּראַך איז אַ לעבעדיקער טייל פון אונדז. זי איז

דורכגעקנאָטן מיט גלויבן, מיט ליבשאַפט צום עבר. לשון קודש איז הייליק אָבער יידיש איז די מויער אַרום אַלע אונדזערע הייליקייטן. (גענומען לויט דעם מאמר "די מויער" פון זאַמלבוך אַרויסגעגעבן פון וועלטראַט פאַר יידיש).

מיר האָבן אַנומלט געלייענט וועגן אַן ענלעכן צוגאַנג צו יידיש לשון פון הרב דוב בער סאָלאָוויטשיק אין ד"ר שיקל פישמאַנס בוך וועגן יידיש. "לא אמות כי אחיה - Never Say Die".

די פיר מאמרים פון ר' נתן קוטלר זענען פון גרויס באַדייט. דער מחבר פאַרטיידיקט און באַרויערט די גלויביקע יוגנט וואָס קען נישט קיין יידיש. זיין האַרץ איז אָבער מיט די חסידישע יידיש־רעדערס און רביים וואָס באַאיינפלוסן מיטן כח פון זייער טראַדיציאָנעלן יידיש לשון. ער באַמערקט, אַז "מיר האַלטן נאָך נישט איצט ביים איינפירן אין המודיע־צייטונג אַ קאָלום אין יידיש, אָבער ס'איז וויכטיק דאָס צו טאָן. ער גיט איבער אַ צוואה פון קלויזנבערגער רבין וועגן דערציען די קינדער אין דער יידישער שפּראַך און נישט חס ושלום אין ענגליש אָדער עברית... "מ'זאָל זיין געוואָרנט צו רעדן אין הויז און מיט פריינט נאָר יידיש. מחמת די יידישע שפּראַך איז דער יסוד און דער עיקר וואָס העלפט ממשיך זיין תורה אין טראַדיציע".

***

מיר ווייסן נישט צי פון רעליגיעזן, חסידישן סעקטאָר וועלן אַרויסקומען שרייבער און יידיש־לייענער. טאַלאַנט און דראַנג צו שרייבן פּאָעזיע און דערציילן אַ מעשה, ווייסט נישט פון קיין גרענעץ, פרום אָדער פריי. די יידיש ליטעראַטור האָט אויך רעליגיעזע פּאָעטן. מיר זענען טאָלעראַנט צום פרומען לעבנס־וועג. אונדזערע קלאַסיקער און שרייבער, פּרץ, ביאַליק, אַש, לייוויק, זענען דאָך געקומען אַליין פון דער ישיבה.

די ספורי נפלאות פון ר' נחמן בראַסלאַווער זענען טיפע, מיסטישע שאַפונגען פון אַ ריכטערישן טאַלאַנט בחסד עליון. זיי זענען עדות, אַז דיכטונג איז יחידישער אויסדרוק פון מענטשלעכע געפילן און ס'איז אַן עוולה ווען אַזעלכע ריינע געפילן זאָלן ווערן דערדריקט. דער תנ"ך איז רייך אין פּאָעזיע, מעשיות און מגילות, ווזיעס און מחשבות. דאָס לשון איז אָפּהענגיק פון בעל הלשון, זיינע אויפריכטיקע אינערלעכע עקספּרעסיעס, היוצאים מן הלב, ווי די געזאַנגען פון שיר השירים, פון תהילים, און איכה.

4

איידער מיר פאַרענדיקן די אָפּשאַצונג וועגן די פיר מאמרים פון דעם שרייבער נתן קוטלר ווילט זיך דערמאָנען דעם גלגול פון יידיש וואָס איז געווען אַ רעד־שפּראַך פון אַלע פאָלקסמענטשן און ווערט היינט אַ לערן־שפּראַך.

הגם פאַנאַטיזם איז אונדז דערווידער, האָבן שרייבערס אין דער יידישער ליטעראַטור געהאַט אַ טאָלעראַנטע באַציונג צום חסידיזם ווי אַ קאָלירקע עדה אין דער מאָזאַיק פון יידישן פאָלק. אין די פרומע קרייזן איז מאַמע־לשון געווען אַ נאַטירלעכע רעד־שפּראַך, וואָס מען האָט נישט געדאַרפט לערנען מחמת אַ יידיש קינד איז דערצויגן געוואָרן מיט דער מאַמעס וויגל־ליד, קינדער־שפּילעריי אין הויף, אין גאַס. אין חדר אָדער תלמיד תורה האָבן יינגלעך געלערנט חומש, רש"י, שפּעטער - משניות און גמרא מיט תרגום־יידיש, אַלץ מיט געזאַנג און אין טראַדיציאָנעלן טראָפּ. יידיש איז נישט געווען קיין לימוד יידיש רעדט זיך דאָך אַליין. היינט, ווען די שטוב און גאַס רעדן די לאַנד־שפּראַך, לערנען נאָך אַלץ חסידישע קינדער ווי אַ מאָל תורה און תלמוד מיט

געזאַנג אויף ייִדישער איבערזעצונג. דער זיסער געזאַנג פון טייטש, דעם רבינס דבר תורה ביים טיש, האָט דעם יונגן בחור פאַרהיימישט מיט מאַמע־לשון. דער וואָקאַבולאַר פון חומש־טייטש, רש״י און גמרא באַרייכערט דעם תלמידס ייִדיש, אָבער וויבאַלד ייִדיש איז נישט קיין לימוד מיט די ריכטיקע גראַמאַטישע כללים און אָנגענומענע אָרטאָגראַפיע וועלן זיי רעדן גרייזיק און נישט פאַרשטיין די רייכע פאָלקס־אידיאָמאַטיק און שפּראַך־אוצר וואָס האט זיך ביי זיי אָנגעזאַמלט.

*

אין מיינע קינדער־יאָרן פלעג איך לייענען אין ייִדיש די אגדות, משלים, מוסר מעשיות, שבחי בעל שם, תרגום שני פון דער באָבעס צאנה וראנה און שפּעטער געווען איינער פון די טויזנטער יוגנטלעכע אין די שטעט און שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע וואָס זענען געוואָרן לייענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אין פּוילן איז ייִדיש ווי אַ לימוד פּראַקטיצירט געוואָרן אין די צישאָ־שולן, באָראָכאָוו־שולן, ווו די תלמידים האָבן געלערנט ייִדיש לשון לויט אַלע מאָדערנע כללים פון ייוואָ.

דאָס רוב ייִדישע קינדער האָבן געלערנט ייִדיש לייענען און שרייבן אין חדרים, און די מיידלעך - אין פרומע בית יעקב־שולן אָדער פּריוואַט. די יוגנט אין די פּאַרטייען פון בונד און פּועלי ציון האָט אַנטפּלעקט פאַר זיך אַליין די שיינקייט פון אונדזער אייגענעם לשון און געוואָרן באַאיינפלוסט זיך צוצופּאַסן צו די כללים פון אַ קאָרעקטן גראַמאַטיקאַלישן און אָרטאָגראַפישן ייִדיש.

*

אין די ייִדיש־סעקולערע פאָלקס שולן אין אַמעריקע און אין דער גרויסער ייִדישער וועלט איז ייִדיש געווען אַ לימוד וואָס האָט דורכגעמאַכט אויפשטייג, קריזיסן, ראַנגלענישן און שינויים. און איצט, פופציק יאָר נאָכן חורבן פון אייראָפּעישן ייִדנטום איז ייִדיש נאָך אַלץ אַ לימוד פאַר אַ סך; אַן אַטראַקציע פאַר סטודענטן אין אוניווערסיטעטן, פאַרליבטע אין מאַמע־לשון, אין דער ייִדישער ליטעראַטור, פאָלקלאָר און פאָלקס־ליד. אָבער היינט קען מען נישט זאָגן מער, אַז ייִדיש רעדט זיך אַליין. ייִדיש איז אַ רייכע שפּראַך, וואָס מען מוז לערנען.

ה. לייוויק האָט נאָך אין די פופציקער יאָרן געזען די טראַגעדיע פון ייִדיש וואָס איז אַריין "אין די הויכע פענצטער" אין די אוניווערסיטעטן. ס'איז דער גורל פון אומגעקומענעם לשון הקדושים אַז היינט, אין לעצטן יאָרצענדליק פון יאָרהונדערט, באַווייזן זיך יונגע שפּראַכן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. יידן קומען זיך צוזאַמען מיט נאָסטאַלגיע, רעדן, לייענען זינגען, פאַרברענגען אין ייִדישע קולטור קרייזן - און אין די הויכע פענצטער. פאַראַן אַ היפּשע צאָל געלערנטע לינגוויסטן פון ייוואָ, קאָלומביע און אָקספאָרד וואָס גיבן אַרויס לערן־ביכער פאַר קאַלעדזש־ייִדיש און זיי דערגייען אפשר נישט צו די חסידיש־ייִדיש רעדנדיקע קרייזן. מיר גלויבן, אַז אַ ייִדיש לערנבוך פון דעם פאָרשער און בלשן ר׳ נתן קוטלר צוגעפּאַסט פאַרן יונגן דור תלמידים וואָס זענען אינטערעסירט צו לערנען אַ קאָרעקטן ייִדיש וואָלט געווען אַ כבוד פאַר אונדזער טייערער מאַמע, מאַמע־לשון.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* צבי איזנמאַן: "בלעטער פון אַ פאַרסמאַליעטן פנקס". דערציילונגען און בילדער, 234 זז'. הילע געצייכנט פון יאָסל בערגנער. י.ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, 1996.

* יוסף קערלער און באָריס קאַרלאָוו: "שפּיגל־כּתב", לידער פון פאָטער און זון, 80 זז'. פאַרלאַג "ירושלימער אַלמאַנאַך" בשותפות מיט "דריי שוועסטער" - פאַרלאַג, 1996. די לידער "צומאָל פון פאַרשיידענע תקופות - ווי די מחברים שרייבן אין פאָרוואָרט - רופן זיך און שפּיגלען זיך איבער בילדעריש, פּאָעטיש צי טעמאַטיש אויף אַן אינטים־פּריוואַטן אָדער אויף אַן אַלגעמיין־אַסאָציאַטיוון אופן".

* ד"ר משה וואָלף: "אָרטאָגראַפיע־בוך פון העברעישע (און אַראַמישע) ווערטער אין דער יידישער שפּראַך". 88 זז' גרויסער פאָרמאַט. אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, 1996.

* "ירושלימער אַלמאַנאַך", נומ. 25, צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. רעדאַקטאָר - יוסף קערלער. אַרויסגעגעבן בשותפות מיטן פאַרלאַג "דריי שוועסטער". 310 זז', ירושלים 1995-96.

"אויפן שוועל" נומ. 302 אַפּריל־יוני 1996. געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער קוואַרטלניק, אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע. רעדאַקטאָר ד"ר מרדכי שעכטער.

* "די פען" נומערן 20-22, רעדאַקטאָר - הירשע־דוד קאַץ, אָקספאָרד 1996.

* "די צוקונפט". יאַנואַר־פעברואַר, ניו־יאָרק 1996, רעדאַקטירט דורך אַ קאָלעגיע.

* "יידישע קולטור", מערץ־אַפּריל, ניו־יאָרק 1996. רעדאַקטאָר - איטשע גאָלדבערג.

* "לעבנס־פראַגן", מאַי־יוני, תל־אביב 1996 רעדאַקטאָר - יצחק לודען.

* "דוד האָפּשטיין פּרייז" - בראָשור צו דער צענטער פאַרטיילונג פונעם פּרייז, תל־אביב, 24־טער יוני 1996. דעם פּרייז האָבן הייַנטיקס יאָר באַקומען די שרייבערס יצחק בראַט און וועלוול טשערנין.

* "יוגנטרוף" נומ. פה/85. מאַי־יוני 1996. רעדאַקטאָר לאה ראָבינסאָן, מיטרעדאַקטאָרן: הערשל גלעזער און שבע צוקער.

---

## לייב ראָזענבלאַט

איז אַוועק אין דער אייביקייט.

אַ טייערער חבר, אַ זעלטענער מענטש, אידעאַליסט, ליבהאָבער פון יידישן וואָרט און קלאַנג. לאַנגיאָריקער אַקטיוויסט און פירנדיקער מיטגליד פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, פיליאָריקער חבר פון יידישן קולטור־קלוב.

מיר דריקן אויס אונדזער מיטגעפיל דער פאַראָבלטער משפּחה.

כּבוד זיין אָנדענק!

פאַרן יידישן קולטור־קלוב לילקע מייזנער, פּרעזידענט

פאַרן זשורנאַל "חשבון" משה שקליאַר, רעדאַקטאָר

לילקע מייזנער

# די יום־טובדיקע טעג
# (באַמערקונגען ביים שלוס־באַנקעט)

מיר זענען נאָך אַלץ אונטערן גרויסן איינדרוק פון אונדזער יובל־פייערונג, און אָט האָבן מיר דעם שלוס פון די יום־טוב־טעג, דעם שלוס פון אַ יאָר אַרבעט. ביים סאַמע אָנהייב פונעם קולטור־סעזאָן האָבן מיר באַמערקט, אַז דאָס גאַנצע יאָר 1995–1996 וועט שטיין אונטערן צייכן פון זיבעציק יאָר קולטור־קלוב און פופציק יאָר פון אונדזער ליטעראַרישן זשורנאַל "חשבון". און אַזוי איז עס געווען. אונדזערע שבת־אָוונטן זענען ס'רוב געווען יום־טובדיקע סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָרעם און האָבן געדינט דעם אַלגעמיינעם ציל – פאַרשפּרייטן די רייכע יידישע קולטור־ווערטן.

זייער אָפט שטרייכן מיר אונטער און מיר ווילן עס איבערחזרן – אָן דער איבערגעגעבענער אַרבעט און קאָאָפּעראַציע פון אונדזער קלוב־פאַרוואַלטונג, דער אַדמיניסטראַציע פון "חשבון", דעם איבערגעגעבענעם רעדאַקטאָר משה שקליאַר און אונדזער געטרייער מיטגלידערשאַפט וואָלט די אַרבעט נישט געקאָנט געטאָן ווערן. ווילן מיר טאַקע היינט אויסדריקן אונדזער אָנערקענונג און דאַנק דער פאַרוואַלטונג, און דעם יובל־קאָמיטעט, די פריינד צבי הירש, רחל און מענדל סלוצקי, מאַשע הענלי, בעבע לעווענטאַל, מאָניע גאָרפיין, יוסף סאָסקי, נתן שטיינמאַן, סטענלי בונין, מיקי סאַפּאַדי, זעלדע מאַלעוויטש, משה שקליאַר, מרים הערבסט און סימע קאַרפּ־לעפקאָוויטש.

ווי שוין דערמאָנט זענען אונדזערע שבת־אָוונטן היינטיקס יאָר געווען פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער. מיר האָבן געהאַט מוזיקער וואָס זענען צו אונדז געקומען פון דער יונגער יידישער מוזיק־וועלט: היימאַן סטרום, וועלכער האָט געשאַפן דעם פילם "דער לעצטער יידישער קלעזמער אין פוילן" – אַליין אַן אויסערגעוויינטלעך באַגאַבטער פידלער; געווען ביי אונדז די קלעזמער־גרופע פון סאַן־דיעגאָ מיט אַ פּרעכטיקן קאָנצערט. מיט אַ באַלערנדיקן רעפעראַט איז אויפגעטראָטן דער גאַסט פון ישראל פּראָפ. דב נוי. אַ פּרץ־אָוונט האָט אויסגעפילט דער באַליבטער וואָרט־קינסטלער יעקב לעווין; יעקב באַסנער – אַן אָוונט געווידמעט שלום עליכמען; ד"ר משה וואָלף האָט רעפערירט אויף ספּעציעלן אָוונט געווידמעט דעם 75־טן געבוירנטאָג פון דיכטער משה שקליאַר; סטענלי בונין האָט גערעדט וועגן קאָמפּאָזיטאָר סאָלאָמאָן גאָלוב; זעלדע מאַלעוויטש – וועגן "טרייענגל פייער"; הילע אַש פון פילאַדעלפיע – וועגן יידישן הומאָר. אַרטשי באַנקער האָט אויסגעפילט אַן אָוונט פון ליד און מוזיק; משה שקליאַר האָט גערעדט וועגן דיכטער חיים שוואַרץ (צו זיין צווייטער יאָרצייט); לילקע מייזנער – וועגן י.ל. פּרץ און דעם ישראל־שרייבער אהרן אַפּעלפעלד; גאָלדי קאָהן – וועגן שלום אַשן. מלכה שאו האָט דורכגעפירט אַ

חנוכה־אָוונט, און ליזא ליבאָווסקי - אַ קאָנצערט פון יידישן ליד. קעי גודמאַן האָט גערעדט וועגן יידישן ישוב אין אַרגענטינע; בעבע לעווענטאַל - וועגן ווילנע און די אָפּגעראַטעוועטע ייואָ־אַרכיון; בערנאַרד ווייסבערג - וועגן די געשעענישן אין ישראל; ראַבּיי ראָבערט באַרוך האָט גערעדט וועגן די שאַפונגען פון יעקב גלאַטשטיין; מאַיאַ ווייספעלד־אייזן (פון מעקסיקע) - וועגן דעם שרייבער יצחק בערלינער, און אונדזער ריסא איגעלפעלד איז אויפגעטראָטן מיט צוויי מוזיק און ליד־קאָנצערטן.

צוזאַמען מיט דעם אַרבעטער־רינג האָבן מיר דורכגעפירט אַ געטאָ־אָנדענק־אָוונט, און פּראָפ. הערשל סלוצקי האָט דעמאָנסטרירט און קאָמענטירט אַ פילם וועגן קינדער פון געטאָ.

ווי ס'איז צו זען זענען דאָס געווען אויסערגעוויינלעכע אָוונטן פון גייסטיקן געניס און באַרייכערונג. און די קולמינאַציע פון דעם אַלעם איז געווען אונדזער גרויסע יובל־פייערונג, וואָס איז באַזוכט געוואָרן פון איבער 300 מענטשן. עס איז געווען אַן אמתער יום־טוב אין יידיש און פאַר יידיש! דאָס יובל־יאָר האָט אונדז אויך באַרייכערט מיט דעם יובל־נומער "חשבון". ווילן מיר אויף דעם אָרט אויסדריקן אַ דאַנק דעם רעדאַקטאָר, און באַזונדערס די אַדמיניסטראַטאָרן נתן שטיינמאַן און צבי הירש פאַר זייער מיפּולער אַרבעט ביים פאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל.

און אַזוי פאַרענדיקן מיר אונדזער יובל־יאָר מיט ליב און געזאַנג און ווינטשן זיך, אַז דער קומענדיקער קולטור־סעזאָן זאָל שפּרודלען מיט באַרייכערונג פון גייסט. לאָמיר מיט אָפּטימיזם אַריבערטרעטן די שוועל פון 71 יאָר קולטור־קלוב און 51 יאָר "חשבון".

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר אויסדריקן אונדזער ספּעציעל דאַנק דעם איבערגעגעבענעם קולטור־טוער, שטילן, באַשיידענעם גוטן פריינד יעקב שייפער, באַערנדיק אים מיט אַן אָנערקענונג "פּלאַק" פאַר זיין יאָרנלאַנגער געטריישאַפט צו אונדזער קלוב און דער אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן און טוט לטובת דעם קלוב.

*

בעת דעם באַנקעט איז מיט אַן אָנערקענונג "פּלאַק" אויך באַערט געוואָרן די לאַנגיאָריקע פּאָרזיצערין פון קלוב לילקע מייזנער. די פאַרזאַמלטע האָבן מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן באַגריסט לילקען, און איר טאָכטער העלען האָט איר דערלאַנגט אַ שיינעם בוקעט בלומען.

בעת דער פייערלעכער פאַזאַמלונג לכבוד 70 יאָר יידישער קולטור־קלוב און 50 יאָר "חשבון" איז דעם קלוב צוגעטיילט געוואָרן אַן ערן־אָפּצייכן (פּלאַג) מצד דעם קאַונטי־סופּערוויזער זאב יאַראָסלאַווסקי, ווי אויך אָנערקענונג־שריפטן פון דער ל.א. שטאָט־פאַרוואַלטונג און פונעם דיסטריקט־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג.

בילדער פון דער פייערלעכקייט, זע זז' 60־61.

(רעד.)



אַ טייל פונעם פאַרזאַמלטן עולם בעת דעם יום־טוב 70־יאָר קלוב און 50 יאָר "חשבון"




לילקע מייזנער, פּאָרזיצערין פון קלוב, באַגריסט די פּאַרזאַמלטע.
עס זיצן פון רעכטס - צבי הירש, וויצע־פּאָרזיצער




זאב יאַראָסלאַווסקי, קאַונטי סופּערווייזער. גיט איבער אַן ערךאָפּצייכן (פּלאַג)
דער פּאָרזיצערין לילקע מייזנער. ווייטער פון רעכטס: רחל סלוצקי.
יוסף סאָסקי און פּראָפ. מאַרווין צוקערמאַן.

# רשימה פון מחברים באַטייליקטע אין "חשבון"(*)

## 1981 - 1995

שמואל איזבאַן: 81, 82–83, 84, 85–86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94, 95.
צבי אייזנמאַן: 93, 94, 95; מאַטעס אָליצקי: 89, 95.
שמואל באַט: 94, 95; רבקה באַסמאַן: 92.
לייב באָראָוויק: 95; מאַרטין בירנבוים: 82, 83, 984 85, 86.
דאָראַ בייערק: 92; העראָלד בלאַק: 93, 94.
דוד בערגעלסאָן: 87.
לילי בערגער: 81, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94.
י. בערנסאָן: 95; אברהם ברוידעס: 89.
ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן: 81, 82, 83, 86, 87, 88, 90, 91, 93, 94.
ישראל גובקין: 82, 83, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93.
שירה גאָרשמאַן: 91, 92, 93.
שואל גוטמאַן: 81, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90.
משה גורין: 89; ש. גילדער: 83, 84.
חיים גראַדע: 88; חייקע גראָסמאַן: 82.
פּראָפ. בן־ציון דינאַבורג: 88.
שמואל האַלקין: 87, 92.
דוד האָפּשטיין: 87, 92.
מאָטל האָראָוויץ: 82; יוסף האָרן: 90, 91.
צבי הירש: 93; משה וואַלדמאַן: 90, 91, 93.
שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש: 94, 95.
משה וואָלף: 92, 93, 94, 95.
לייב וואַסערמאַן: 81, 82, 83; מרים וואַסערמאַן: 82.
ג. קאַץ־וואַסערמאַן: 83; יצחק ווייַנגאַרטן: 82.
פריד ווייַנגער: 87; חיים ווייַנשל: 83.
שמואל ווייס: 81, 85, 86, 87.
הינדע זאַרעצקי: 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 95.
יעקב זיפּער: 81; חיים זעלצער: 87.
מאיר חרץ: 81, 82, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93.

הערמאַן טאובע: 94; מלכה חפץ־טוזמאַן: 81, 83.
שיע טענענבוים: 85, 86, 87, 88, 89, 90.
לייב טענצער: 83; לייזער טרייסטער: 81.
איש יאיר: 81, 82, 83, 85.
בערל כהן: 82; משה כהן: 81, 87, 88, 89, 90.
חיים לאַנדאַו: 94; ש.י. לאַנדינסקי: 90.
בנימין לובעלסקי: 95; אַ. לוריאַ: 81, 82, 84, 85, 86, 87, 88.
ה. לייוויק: 85.
אברהם ליס: 91.
שרה ליינער: 81, 84, 85, 91, 93.
פּראָפ. סאָל ליפּצין: 88, 89; ש.ת. לעדערמאַן: 83.
לעאָ לעווינסאָן: 82; בעבע לעווענטאַל: 94.
בלומע לעמפּעל: 81, 82, 83, 84, 85, 86, 87.
וו. מאווא: 92; קאַריע מאַלאַדאָווסקי: 86.
חיים מאַלטינסקי: 82; פּסח מאַלעוויטש: 90.
שאול מאַלץ: 83, 84; משה מאַנדעלבוים: 81, 82.
שרה טרייסטער־מאַסקאָוויטש: 95; דניאל מאַרלין: 81, 82, 83.
פּרץ מאַרקיש: 87, 92.
לילקע מייזנער: 81, 82, 86, 88, 90, 91, 92, 93, 94, 95.
ד"ר יעקב מייטליס: 81, 82, 83, 84.
מיכאל מירסקי: 92, 93.
לאָטי פּ. מלאך: 81, 82, 83, 85, 86, 90, 91, 92.
לייב מלאך: 89; דינה מעטצגער: 86.
הירשע דוד־מעינקעס: 94; ד"ר עוזיאל נאָקס: 82.
ד"ר מישעל נוטקעוויטש: 83, 84, 86, 88.
סערגיי נוטקעוויטש: 81, 82, 83, 84, 85, 87.
דער נסתר: 87.
יוסף סאַסקי: 92, 93; מ. סאַרנאַ: 81.
אברהם סוצקעווער: 89, 93.

---

*) סוף פון פאָריקן נומער. די ציפערן באַצייכענען די אַנטשפּרעכיקע יאָרן פון דערשינענע אַרטיקלען, דערציילונגען, עסייען, לידער אא"וו.

משה עטינגער: 83, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91.
אריה פאָזי: 85, 86, 87; ר. פאָזנער: 85.
ח.ל. פוקס:81, 82; יוסף פיווין: 94.
ד"ר יהודה פילטש: 81; זשאַק בורשטין־פינער: 91, 92, 93, 94, 95.
עקיבא פישבין: 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94, 95.
חיים פלאָטקין: 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88.
פיניע פלאָטקין: 89, 90, 91, 92, 93, 94, 95.
איציק פעפער: 87, 92.
טויבע פערטשיק: 93; סאָפי פראָם: 91.
גרשון פרידמאַן: 82, 83, 88, 89, 90.
יעקב פרידמאַן: 81; פריידל טראָפימאָוו־פרידמאַן: 81.
י.ל. פרץ: 90.
יאָסל צוקער: 89; שלמה צוקערמאַן: 82.
גרוניאַ קאַהאַן: 90, 91, 92, 93, 94, 95.
יצחק קאַהאַן: 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94, 95.
ד"ר בערנאַרד קאָהען: 81; רבקה קאָפּע: 81, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90.
יצחק קאַצענעלסאָן: 83; י. קאַראַ: 92.
לייב קוויטקאָ: 87, 92.
משה קולבאַק: 92.
חנן קיעל: 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94, 95.
ד"ר העשיל קלעפּפיש: 82.
חיים קעניגער: 81, 82, 83, 84 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93.
יוסף ראָגעל: 89; יצחק אלחנן ראָנטש: 84, 85, 89.
חיים שוואַרץ: 86, 87, 89, 90, 91, 94.
שלמה שוואַרץ: 83, 84, 85, 86, 87, 88.
ברונאָ שולץ: 91; ד"ר ישראל שטערן: 82, 83, 84.
שלום שטערן: 88, 89; אשר שטשוטשינסקי: 81.
יעקב שייפער: 81, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94, 95.
לאה שלאָסמאַן: 95; זלמן שלאָסער: 81, 82, 83, 87.
עלי שעכטמאַן: 93, 95.
נ. שמן: 82.
משה שקליאַר: 81, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91, 92, 93, 94, 95.

---

The Stanford University Libraries
Stanford, California 94305-6004

## The Secular Yiddish Schools in America Collection

The Stanford University Libraries are pleased to announce the establishment of the Secular Yiddish Schools in America Collection. The collection, created by the contributions of numerous donors (former and present teachers, students, parents, and board members), offers a unique opportunity to examine a heretofore virtually annoticed aspect of American and American Jewish culture, history, and education.

The Secular Yiddish Schools in America Collection includes extensive examples of curricular materials in Yiddish and in English. Also included are souvenir and graduation journals, personal memoirs and photographs, student and teacher notebooks, board meeting minutes, and information about the philosophy and pedagogy of each of the school systems and of their individual schools.

The collection will be administered by the Department of Special Collections, with assistance from special consultant, Gella Schweid Fishman, assisted by Dr. Martha G. Krow-Lucal. For more information, contact Margaret J. Kimball, Special Collections, Stanford University Libraries, Stanford, CA 94305-6004.

# לכבוד 70 יאָר קולטור־קלוב און 50 יאָר "חשבון"*

ליבע לילקע מייזנער און משה שקליאַר:

אין אַ צייט ווען יידישע קולטור־קלובן שליסן זיך און יידישע זשורנאַלן הערן אויף דערשיינען איז אייער טאָפּלטער יובל אַ נחת און אַ טרייסט. איך בין צוויי מאָל געווען אַ גאַסט אין אייער קלוב און ביידע מאָל זיך געפילט ביי אייך ווי אַן אייגענער און הנאה געהאַט פון דער וואַרעמקייט מיט וועלכער איר נעמט אויף אייערע געסט און געשעפּט נחת פון דער וואַרעמקייט ביי אייך פון איינעם צום אַנדערן. אויף וויפל איך האָב געזען און אָבסערוויר פון ווייטן ווערט דער ניוואָ פון אייערע קולטור־אונטערנעמונגען שטאַרק אָפּגעהיט און דאָס איז אפשר דער סוד פון אייער הצלחה. דאָס זעלביקע קאָן מען זאָגן וועגן אייער זשורנאַל. איך ווינטש אייך ווייטערדיקע הצלחה אין ביידע.

אייער

**יהודה עלבערג**

לאָס־אַנדזשעלעסער יידישער קולטור־קלוב, לילקע מייזנער, פאָרזיצערין
זשורנאַל "חשבון", משה שקליאַר, רעדאַקטאָר

ליבע פריינד:

מיר - די "יידישע קולטור" און איר רעדאַקטאָר - באַגריסן דעם יום־טוב פון צוויי יידיש־אינדזלען אין לאָס־אַנדזשעלעס: דעם "יידישן קולטור־קלוב" צו זיין 70־יאָריקן קיום און דעם זשורנאַל "חשבון" צו זיין האַלבן יאָהונדערט. ביידע זענען אויסדרוקן פון דער זעלטענער עקשנות וואָס האָט ביים לעבן דערהאַלטן דעם לעצטן יידיש־דור און זיין אַנטשלאָסנקייט צו פאַרהיטן און ממשיך זיין די יידיש־עפּאָכע אין לעבן פון אונדזער פאָלק, ביידע האָבן קלאָר פאַרשטאַנען אַז "יידיש איז יידישקייט".

געוויינטלעך זענען עס געווען גלויביקע יחידים־עקשנים וואָס האָבן אָט די יידיש־אינדזלען באַשאַפן. קיין דרויסנדיקער וועט בשום אופן ניט קאָנען פאַרשטיין וואָסערע היסטאָרישע פעדעם און וועלכע טיפע ממש פאַרליבטקייטן אין מאַמע־יידיש האָבן באַוועגט אָט די אינדזלס־שאַפערס.

מיר נעמען, דעריבער, אַרום מיט האַרציקער נאָענטקייט
לילקע מייזנער, פאָרזיצערין פון יידישן קולטור־קלוב
און משה שקליאַר, דעם רעדאַקטאָר פון "חשבון"
און ווינטשן אַריין אין זיי כל הברכות.
איר האָט ביידע שיין געדרשנט -
אַ געזונט אויף אייך.

**איטשע גאָלדבערג**

פאַר זיך און פאַר דער "יידישע קולטור"

---

* מיר ברענגען דאָ די באַגריסונגען וואָס זענען אָנגעקומען נאָכן שליסן אונדזער יובל־נומער. אַלע באַגריסונגען זענען פאָרגעלייענט געוואָרן בעת דער פייערלעכקייט לכבוד דעם קלוב און "חשבון", דעם 2־טן יוני ד.י.

צום לאָס־אַנדזשעלער יידישן קולטור־קלוב
טייערע פריינד,

מיט גרויס פאַרגעניגן שליס איך זיך אָן אין אייער־אונדזער יום־טוב צום 70 יאָריקן יובילײ פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און דעם 50 יאָריקן יובילײ פון דעם ליטעראַרישן זשורנאַל "חשבון". איך לייען פון דער ווייטנס די נאָטיצן וועגן לעקציעס וואָס איר פירט דורך און איך זע, אַז זיי זענען תמיד אויף אַ הויכן ניוואָ.

איך ווייס ווי שווער עס קומט איצט אָן צו קענען קריגן גוטע און קוואַליפיצירטע לעקטאָרן אויף ליטעראַרישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעמעס, אָבער איר שטעלט זיך פאַר די שוועריקייטן ניט אָפּ און דערפאַר האָט איר פאַרדינט גרויס אָנערקענונג.

אָנערקענונג קומט אייך אויך פאַר אָנהאַלטן דעם זשורנאַל "חשבון". געווען אַ מאָל צייטן ווי אין כמעט יעדער גרעסערער שטאָט פון אַמעריקע און קאַנאַדע איז דערשינען אַ יידישער ליטעראַרישער זשורנאַל. איצט, צום באַדויערן, האַלטן די טראַדיציע אָן נאָר ניו־יאָרק און לאָס־אַנדזשעלעס. איך לייען יעדן נומער "חשבון" מיט גרויס אינטערעס און איך האָף, אַז איר וועט מיט אייער זשורנאַל נאָך אַ סך יאָרן דערפרייען יידישע קולטור־מענטשן פון דער גאַנצער יידיש־וועלט.

גרויס הצלחה פאַר אייער ווייטערדיקער אַרבעט!

אייער,
**יאָסל מלאָטעק**

צום לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב,
פאָרזיצערין: לילקע מייזנער;
רעדאַקטאָר פון "חשבון": משה שקליאַר

ליבע פריינד,

נעמט צו אונדזערע האַרציקע ברכות צו אייער טאָפּלטן יום־טוב - 70 יאָר יידישער קולטור־קלוב און 50 יאָר יידיש־ליטעראַרישן זשורנאַל "חשבון", אין דער אַמעריקאַנער מעטראָפּאָליע לאָס־אַנדזשעלעס.

70 און 50 מאַכט אויס צוזאַמען 120 - און די צאָל יאָרן ווינטשן אייך די חברים פון "ישראל־שטימע", ווי פולע שותפים צום גערעַנגל אויפצוהאַלטן דאָס יידישע וואָרט.

זייט מצליח

**יעקב צבי שאַרגעל**

**דוד שטאָקפיש**

**חיים מאירפעלד**

צום 70סטן יובל פֿונעם לאָס־אַנדזשעלעס ייִדישן קולטורקלוב
און צום 50סטן יובל פֿונעם זשורנאַל חשבון שיקן מיר אײַך איבער
גאָר אַ וואַרעמען, מוטיקנדיקן גערוס, אָדער ווי מע פֿלעג שרײַבן
אינעם סאָוועטישן ייִדיש: „אַ פֿלאַמיקן גרוס".
איר זאָלט האָבן אַ קיום נישט סתם ביזן 21סטן יאָרהונדערט, נאָר טיף־טיף
אין 21סטן יאָרהונדערט אַרײַן. לאָס־אַנדזשעלעס זאָל מיט דער צײַט ווערן אַ
פֿעסטונג פֿאַר מאַמע־לשון פונקט ווי אַנטווערפּן איז עס אין בעלגיע,
כאָטש נישט דווקא מיטן זעלבן וועלטבאַנעם צי שטייגער לעבן.

| | |
|---|---|
| פֿאַר דער ייִדיש־ליגע | ד״ר מרדכי שעכטער |
| פֿאַר דער רעדאַקציע אויפֿן שוועל | ביילע גאָטעסמאַן |
| פֿאַר דער פֿונדאַציע פֿאַר ייִדישער שפּראַכקולטור | לייבל כּהן |

ניו־יאָרק, דעם פֿינעף און צוואַנציקסטן מײַ 1996

ליבע און חשובע פריינד, משה שקליאַר און לילקע מייזנער,

צום רומפולן יובילײ – 70 יאָר זינט דער גרינדונג פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און דעם 50־טן יובל פון דעם חשובן זשורנאַל "חשבון" ווינטשן מיר אייך נאָך פיל געזונטע שעפערישע יאָרן און אומאויפהערלעכן צוּוווּקס פון יידישע פרישע כוחות! אין די דאָזיקע יום־טובדיקע טעג זענען מיר צוזאַמען מיט אייך!

זייט האַרציק געגריסט מיט די שענסטע ברכות און בעסטע ווינטשעוואַניעס פון ירושלים.

אייערע –
**יוסף קערלער** (רעדאַקטאָר פון "ירושלימער אַלמאַנאַך"),
**דוב־בער קערלער** (מיטרעדאַקטאָר)
**ח. שענקער** (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר)

טייערער משה שקליאַר,

פריינד פון יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס, חשובע חברים פון דער רעדאַקציע "חשבון".

מיין האַרציקסטע באַגריסונג צו אייערע 70 געטרייע יאָרן פון געזעלשאַפטלעכער קולטור־אַרבעט אין אייער יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין צו אייערע 50 עקשנותדיקע יאָרן אין דער יידיש־ליטעראַרישער טעטיקייט פון זשורנאַל "חשבון".

דיביידע ראַטעס געהערן אויך צו די ניסימדיקע געשעעענישן פון אונדזער דור. איך פאַרשטיי זייער גוט וויפל כוח און מסירת נפש איז אין דעם פאַראַן.
אַ יישר כוח אייך, און זייט ווייטער ממשיך מיט געזונט, פרייד און עקשנות.
מיט פריינדשאַפט,
**רבקה באַסמאַן-בן־חיים**

צו דער פאַרוואַלטונג פון
לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

טייערע פריינד,
דער "אַרבעטער־רינג" אין ישראל און די רעדאַקציע "לעבנס־פראַגן" באַגריסן אייך צו אייער שיינעם טאָפּלטן יום־טוב: 70 יאָר קיום פון דעם לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב, און 50 יאָר "חשבון".
מיט אָט די צוויי יובילעומס טראָגט איר צו דער יידיש־וועלט אַ גלענצנדיקן חשבון פון קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט, פון פאַרעקשנטקייט און אויסדויער, וואָס איז אַזוי זעלטן אין אונדזער היינטיקער יידישער קולטור־וועלט.
ווי שותפים צו דער זעלבער באַשטימונג פון אָפּהיטן, ממשיך זיין און אַנטוויקלען די מערכה פון יידיש און זאָרגן פאַרן המשך פון דער יידיש־קולטור, ווייסן מיר ווי אָפּצושאַצן דעם געוואַלדיקן אָנשטרענג, אין וועלכן אָט די מערכה נויטיקט זיך. און דערפאַר ווייסן מיר אויך ווי הויך מען דאַרף אָפּשאַצן אייערע אויפטוען. זענען מיר דאָך היינט עדות פון דער געוואַלדיקער מי, וואָס איז נויטיק כדי צו קענען שעפּן נחת פון יעדער קליינטשיקער דערגרייכונג - זייענדיק אויסגעשטעלט אויף דער מעכטיקער סטיכיע פון דער אַסימילאַציע, וועלכע רייסט שטיקער פון אונדזער פאָלק.
שיקן מיר איבער אַ וואַרעמען יישר־כוח די אָנפירנדיקע אַקטיוויסטן פון דער מערכה פאַר יידיש: דער טיכטיקער פאָרזיצערין פון אייער קולטור־קלוב, לילקע מייזנער, און דעם טאַלאַנטפולן רעדאַקטאָר פון "חשבון", משה שקליאַר, און מיר ווינטשן אייך איר זאָלט ווייטער אָנגיין אין אָט דער שווערער מערכה מיט אָפּגעפרישטע כוחות און מיט גרויס דערפאָלג.
צו אַ מענטשנס געבורטסטאָג איז מען זיך נוהג צו ווינטשן "ביז הונדערט און צוואַנציק". אייערע צוויי יובלען - 70 און 50 - הגם זיי דעקן זיך, באַטרעפן זיי צוזאַמען די געבענטשטע ציפער פון 120. מיר ווינטשן אייך אָבער, אַז דער טאָפּלטער יובל זאָל אייך דינען ווי אַן אָנהויב פון אַ נייער תקופה פון דערפאָלגרייכע אויפטוען פאַר יידיש און פאַר יידישער קולטור.
מיט פריינטלעכן קולטור־גרוס:
**יוסף פריינד**, סעקרעטאַר פון "אַרבעטער־רינג" אין ישראל
**יצחק לודען**, רעדאַקטאָר פון "לעבנס־פראַגן".

חשובע פריינד
לילקע מייזנער און משה שקליאַר,

מיט פרייד האָב איך אויפגענומען די ידיעה, אַז איר גרייט זיך פייערלעך אָפּצומערקן די צוויי וויכטיקע קיילעכיקע יובל־דאַטעס: 70 יאָר לאָס־אַנדזשעלעסר יידישער קולטור־קלוב און 50 יאָר עקזיסטענץ פון דעם זשורנאַל "חשבון".

אין דער צייט, ווען מיר הערן אַזוי אָפט וועגן זיך שליסנדיקע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, און ווען עס ווערט אַזוי איינגעשרומפּן און מיט יעדן טאָג קלענער דער קולטור־שעפערישער כוח אויף דער – ווי מ'האָט זי אַמאָל גערופן (און ווי עס רופט זיך היינט אַ יידישער זשורנאַל אין מאָסקווע) – יידישער גאַס.

די יידישע גאַס צו אונדזער גרויסן באַדויערן, קערט זיך אָפּ פון אונדז, ווייל מיר האָבן נישט די גענוגנדיקע אינטעלעקטועלע און פּאָליטיש ווירקנדיקע כוחות צו שטאַרקן די איינציקע וועלטלעכע ראַמבע קעגן דער פאַרפלייצנדיקער אַסימילאַציע. די וועלכע האָבן זיך אַלעמאָל באַצויגן מיט ביטול צום יידישן פאָלקסמענטש, צו זיין שטייגער און קולטור, פירן זיך ווייטער אַזוי אויך היינט, נאָך דעם גרויסן חורבן. און עס געלינגט זיי צו ליקווידירן די אָאַזיסן פון דער יידיש־קולטור, ווייל דער חורבן האָט פאַרניכטעט דעם שטאַם מיט די וואָרצלען פון יידיש אין מזרח־אייראָפּע, און דאָס האָט פאַרלייכטערט דער אַסימילאַציע אין מערב, ווו די צעוואַקסענע צוויגן טוען וועלקן, נישט האָבנדיק מער די קולטור־זאַפטן פונעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.

די אָנפירונג פון דער יידישער אַגענץ און די אַזויגערופענע "נאַציאָנאַלע מנהיגים" פאָרען זיך איצט אַרום כלערליי פּראָיעקטן צו "פאַרשטאַרקן דאָס יידישקייט אין די תפוצות. יידיש ווערט אָבער אין קיין איינער פון זייערע יידישקייטס־פּראָיעקטן נישט אַריינגענומען. פאַרקערט – דער פאָרזיצער פון דער יידישער אַגענטור, אברום בורג (אַזוי רופט ער זיך: אַוורום) האָט אַפילו דערקלערט, אַז ער איז קעגן דעם געזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער כנסת אין ישראל, וועגן אָפּהיטן די אוצרות פון דער יידיש־קולטור. די אַלע, וועלכע רעדן מיט שום אויף די ליפּן וועגן יידישקייט און איגנאָרירן יידיש – זיי פאַרגעסן אַז "יידישקייט" נעמט זיך פון דעם וואָרט "יידיש"; אַז יידיש איז דער וויכטיקסטער און סאַמע אָרגאַנישסטער באַשטאַנדטייל פון דעם באַגריף "יידישקייט", – סיי פרומע און סיי וועלטלעכע, און איז נישט דער מאָנאָפּאָל פון די אַסימילאַטאָרן און פון די פרומע וועלכע מיינען, אַז עס קען זיין יידישקייט אָן יידיש.

די יידישע פּרעסע שטייט טאַקע אויף דער וואַך פון אָט דער אינטעגראַלער יידישקייט. מיט יידיש קאָן מען נישט ווערן אַסימילירט.

דאָס ווילן אָבער די פּלאַנירערס און די מחברים פון די "יידישקייטס־פּראָיעקטן" בשום אופן נישט פאַרשטיין. דערפאַר איז עס די אויפגאַבע פון דער יידיש־פּרעסע צו אַלאַרמירן וועגן דעם. עס איז אומגעהויער וויכטיק, אַז אָט דער אָפּעל זאָל דערגרייכן צום יונגן דור, ער זאָל קענען פלעכטן ווייטער די קייט פון וועלטלעכער יידישקייט.

באַגריס איך אייך, לילקע מייזנער, ווי די פאָרזיצערין פון דעם לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב, און אייך, משה שקליאַר, ווי דעם רעדאַקטאָר פון דעם אַזוי גוט רעדאַגירטן זשורנאַל "חשבון", צו אייער טאָפּלטן יובל. איך ווינטש אייך אַ סך, אַ סך דערפאָלג אין אייער וויכטיקער און טיכטיקער אַרבעט.

מיט פּען־קאָלעגיאַלער פריינדשאַפט
**יצחק לודען**, רעדאַקטאָר פון "לעבנס־פראַגן", תל־אביב

טייערע פריינד
פרעזידענט פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב
לילקע מייזנער,
רעדאַקטאָר פון "חשבון"
משה שקליאַר

די יידישע פעדעראַציע פון פּאָרטלאַנד, אָרעג. באַגריסט אייך מיט דעם 70־יאָריקן יובל פון דעם לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און מיט דעם 50־יאָריקן יובילײ פון דעם זשורנאַל "חשבון", וועלכער איז אַ בן־יחיד אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע. מיר פאַרזיכערן אייך, אַז דאָס איז ניט נאָר אייערע, נאָר אויך אונדזער יום־טוב. מיר שעצן זייער הויך אייערע אָנשטרענגונגען לטובת דעם קיום פון דער יידישער שפּראַך, איר ליטעראַטור און קולטור.

מיר ווינטשן אייך ביידע, אייערע מיטגלידער און לייענער אַלדאָס גוטס, כוח און ווייטערדיקן ענטוזיאַזם אויף ממשיך זיין אייער זייער נוצלעכע אַרבעט.

מיט גרויס רעספּעקט
וויצע־עקזעקוטיוו פרעזידענט
פון דער יידישער פעדעראַציע אין פּאָרטלאַנד
**טשאַרלס (צדוק בן ראובן הלוי) שיפּמאַן**

ל"אַ יידישער קולטור־קלוב
לילקע מייזנער, פאָרזיצערין
זשורנאַל "חשבון"
משה שקליאַר, רעדאַקטאָר

מיינע טייערע:

צום ערשטן מאָל האָב איך אַריינגעקומען אין מיינע הענט דעם זשורנאַל "חשבון" אין אַרגענטינער "ייווא" אין יאָר 1968. זיך באַקענט דורכן זשורנאַל מיט אייער יישוב. עס איז געוואָרן ביי מיר אַ טראַדיציע ניט בלויז אַריינקוקן - נאָר לייענען דעם זשורנאַל. אַזוי אַרום זיך באַקענט מיט נעמען פון שרייבערס, וועלכע זענען מיר ניט געווען באַקאַנט - מיט דער צייט זענען די נעמען אָן פּנימער געוואָרן אַ שטים דורכן טעלעפאָן. עטלעכע פון אייך - וואָס איר זיצט היינט ביים יום־טוב פון דעם 70־טן יאָר "יידישער קולטור־קלוב" און 50־טן יאָר "חשבון" - זענען מיר געוואָרן נאָענט און די נאָענטקייט נעמט זיך פון דעם וואָס מיר האָבן אַ געמיינזאַמע שפּראַך - יידיש.

ווען מע שטרעבט, אַז יידיש זאָל וואַקסן און בליען - דאַרפן מיר ניט מורא האָבן פאַר די וועלכע זאָגן קדיש נאָך יידיש - פאַרקערט, טאָן וואָס מ'האָט אין אַלע יאָרן און אויף אַלע קאָנטינענטן געטאָן - זיך מאָביליזירן אויפצוהאַלטן יידישע שולן, דערמעגלעכן די קינדער וואָס די עלטערן ווילן יאָ, אָבער די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן לאָזן זיי ניט שיקן די קינדער אין אַ יידיש־שול, אַז זיי זאָלן קענען באַזוכן אַ יידיש־שול - און אָנהייבן מוזן מיר צום ערשטנס מיט אונדזערע קינדער און אייניקלעך - אָן אַ יידיש־שול וועט ניט קענען זיין אַ מאָרגן פאַר אונדזערע ליבע קולטור־אינסטיטוציעס. ←

מיינע טייערע לילקע מייזנער און משה שקליאַר, איר האָט זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען ווייטער. מיט אייער גאַנג האָט איר דערמוטיקט, אַז אַנדערע זאָלן מיט אייך מיטגיין.

**שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש**

BAR ILAN UNIVERSITY

On your 50 jubilee years of literary achievement our wish for you is that you continue to provide "Heshbon" in even increasing proportions and that the "Heshbon" should be a positive force for many healthy years of good fortune.

**Professor Joseph Bar El**
Rena Costa Center for Yiddish Studies

דער אַרבעטער־רינג שיקט
אַ האַרציקע באַגריסונג דעם
לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן
קולטור־קלוב לכבוד זיינע
70 יאָר און דעם זשורנאַל
"חשבון" צום גאָלדענעם
יובל - אין איינעם 120, ביז
נאָך אַ מאָל 120!

אייערע,
**ראָבערט קאַפּלאַן, עקז' דיר'**
**משה מלאָטעק, פּרעזידענט**

מזל טוב צו אייערע וווּנדערלעכע
דערגרייכונגען!

**מלכה און מעני שאָו**

ביז הונדערט און צוואָנציק!

**דזשאָרדזש און לין דזשייקאָבסאָן**

מיר באַגריסן האַרציק
דעם ל"א יידישן קולטור־קלוב
צו זיין 70־יאָריקער עקזיסטענץ
און דעם זשורנאַל "חשבון"
צו זיין 50־יאָריקן יובל.
**אברהם און געניאַ סלוצקי**

ברכות
דעם קלוב און "חשבון"
**מרים באַכראַך**
**אַרינאַ טאַני**
**ליאָוואַ**
**מאַניע שראָגין**

In Honor of our Cousins

# HELEN & JOE SOSKI

*Rebecca & Roger Fine*

In loving memory of my parents

ABRAM AND MIRIAM KOPER

Who were devoted members of the club
nearly seventy years ago,
enabling me to enjoy
a richer childhood.

*Edna Weiss*

Johnson & Johnson
The Signature of Quality ®

THE SIGNATURE RECOGNIZED AROUND
THE WORLD FOR QUALITY
HEALTH CARE PRODUCTS FOR
THE ENTIRE FAMILY

Johnson & Johnson
ONE JOHNSON & JOHNSON PLAZA • NEW BRUNSWICK, NJ 08933

# דער דיסטריקט קאָמיטעט פון
# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

**THE WORKMEN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

(310) 552-2007

# לאָס אַנדזשעלעסער
# יידישער קולטור קלוב

*שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע*
*אונדזערע מיטגלידער און פריינד*
*בכל מקום שהם*

**תכלה שנה וקללותיה**

**תחל שנה וברכותיה**


צו אונדזערע לייענערס און אַבאָנענטען

צוליב די פאַרגרעסערטע אויסגאָבן פון דרוק, פּאַפּיר און פּאָסט זענען מיר געצוווּנגען צו העכערן דעם אַבאָנאַמענט־אָפּצאָל אויף 15 דאָלאַר אַ יאָר.

אַדמיניסטראַציע פון "חשבון"